STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06247

LIKHT UN SHOTN

Dora Bayrek

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ליכט אויף שאָטן

געקליבענע לידער פון

דאָרא ביירעק

•

אַרויסגעגעבן פון
דאָרא ביירעק בוך-קאָמיטעט
לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע

שער־בלאַט געצייכנט פון קיווע איזן
158

"LICHT UN SHOTN"

(Light and Shadow)

Selected Poems

To my Children:
SAM, PAULINE, ROBERT, JEANEY, OLGA *and* ANDY
and Grandchildren:
GERRY, LINDA, STEVEN *and* KENNY
and to TED

Copyright 1961
by DORA BAYRACK
530 Grand Boulevard Venice, California

דאָרא בײרעק

דאַנק אויסדרוק

אַ האַרציקן דאַנק מיינע ספּאָנסאָרס, דעם בוך־קאָמיטעט און יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר צוגעלייגט אַ האַנט צו דערמעגלעכן דאָס דערשיינען פון דעם בוך.

אַ ספּעציעלן דאַנק וויל איך אויסדריקן דעם ליבן לערער און שרייבער, י. ב. ביילין; אויך מיין לאַנגיאָריקן חבר און פריינט, ס. ד. לעווין, פאַר צוגעבן מיר מוט אַרויסצוגעבן דאָס בוך.

באַזונדערס וויל איך באַדאַנקען: רפאל פאָזנער, יוסף ווייס, גינאַ מעדעם, חיים שוואַרץ, שרה פעל יעלין, מיני סמאָלער, אהרן ראָטבלאַט, הערי גאָלדשטיין, מאַקס קריימער און אַברהם פּאָלאַנסקי.

אַ באַזונדערן דאַנק דעם חבר פּוליע טשערנער, פאַר מאַכן די קאָרעקטור פון בוך מיט דער גרעסטער איבערגעבנקייט.

און ניט ווייניקער וויל איך באַדאַנקען די אַלע וועמעס נעמען עס ווערן דאָ געדרוקט; אויך די פילע פריינט וועמעס נעמען עס זיינען אין בוך ניט אַריין. איך אַלעמען, מיינע ליבטיקע, האַרציקע וואונטשן.

דאָראַ ביירעק

שרה פּאָזנער	סערע און טשאַרלי וועקסלער
בעסי ראָטבלאַט	סערע וואַסערמאַן
יאַניאַ פּאָלאַנסקי	אסתר קאָפּאַנצעף
רבקה און שלמה באָק	רוט און איזי עפּשטיין
פראַניע ווייס	מערי און סאָול הימל
בערטאַ און יצחק סלאָנים	פּעני און מאַקס מעלאַמעדאָוו
סיליע און טשאַרלי שוואַרץ	סערע און דזשעק פּעראָוויץ
בלענטש ספּינדעל	סיליע טשעסין
פרידאַ קינג	חוה און אייזיק עטלין
פּערל פייגלסאָן	פּעני און היימען זאָלאָטאַראָוו
גאָלדע און יעקב טשערניצקי	איידע* און אייב רובין
מערי און דוד ריטשמאַן	בערטאַ גאָלאָף
מיני פּאַלער	מיני סעסין
פּאָולין און דזשעק רובין	סאָניע רובאַק
אסתר מילער	די סילווערמאַנס

בעטי טיגיי
העלען און דזשאַו וואולפסאָן
די פּערלמאַנס
סאָניע ליפּשיץ
קעראָלין און סעם דינאַוויץ
ריווע קראַטאַ
אסתּר סיראָטאַ
דאָקטאָר עטל רייס
ביטריס דעגלין
פּעני און בערנאַרד אָוק
פּעני און דוד בעסמאַן
ניטל און סעם* ביזער
בעלאַ און חיים אָראַטאָווסקי
פּאַלין און דייוו רובין
דאָראַ דאָבראָוו
סעם פייערנאַן
מאַניע און יוסף פאָקס
אסתּר און הירב באָן
רעגינאַ זייד
חוה און דזש. קיפּניס
העלען און דזשים פיליפּס (נ.י.)
סערע שוגער (שיקאַגאָ)
טשאַרלס פרידמאַן (אָוקלאַנד)
ליליען און הערי סווערדלאָו
סילוויע און בען טשילטאָן
פּאַלין ראָבינסאָן
סעם גאָרדאָן

ע ל ס י נ אָ ר :

עליס און דזשעק טאָמאָס
שמואל שוואַרץ
מרדכי סופר
ראָוז מאַרקוס

ב אָ ס ט אָ ן :

מיני און דזשעק גלייזער
די וועסטלמאַנס
די קאַרסונס
ליזאַ סטוירן
שלמה פישער
לייקע און דזשעק אָורוטש
חיה פּעריס
עני לעווין
לייקע און סעם גודמאַן
דאָראַ און אייב קאַפּלאַן
סאָניע סאָקאָל

---

*) פאַרשטאָרבענע

געוועבן

וואַקסן מיט קלוגער וועלט צוגלייך

איך וויל וואַקסן מיט קלוגער וועלט צוגלייך,
מיטן אויפבלי פון ליכטיקע פאַרטאָגן.
ווי אַ מגילה מיין געדאַנק זאָל זיך צעוויקלען,
מיין וואָרט ווי אַ בליץ זאָל זיך דערטראָגן.

ניט פאַרצוקט זאָלן ווערן מיינע שעהן,
אָן נוצן, אָן פרייד און אָן צוועק;
מינוטן פאַרהיטן ווי בריליאַנטן,
אין ניוועץ זאָל קיין רגע ניט אַוועק.

ווען אין מזרח ווערט דער טאָג געבוירן,
ווערט פינצטערניש מיט רויטן ליכט פאַרשטעלט;
זאָל וויסן, ווי די זון, מיין וועג באַלויכטן,
קיין סוד זאָל ניט זיין פאַר מיר די וועלט.

איך הער און זע מיט וואונדער און מיט ציטער:
עס שפאַנט וויסנשאַפט מיט האַסט פון זיג צו זיג;
לבנה־פלי, אַ וויסער מלאך, צי אַ וויכער?
צילט עס אַלץ צו פרידן, אָדער קריג?

יעדע חכמה, יעדער וואונדער, מיך באַפליגלט.
פון וווייטע ווייטן קומט דאָס לעבן צו מיין טיש;
האָבן דורות פיל געשאַפן פאַר מיין וואוילזיין,
גאַר פיל שיינקייטן מיט גרוילן אויסגעמישט.

עס רייסט זיך שנעל די וועלט צו נייע ספערן,
מאָנט פון מיר אַ חוב דאָס צו פאַרשטיין,
ניט בלייבן בלויז אַ פנימלאָזער זעער.
קוואַל פון פרייד — איז וואָס מען טוט אַליין.

פילע טירן ווילט זיך מיר צעפראלן,
אין ברייטער וועלט ניט זיין ווי אין א צעל;
מיט פעדים פון די קלוגשאפטן זיך וועבן,
כאטש א טיילכל זיין פון פרעכטיקן צעהעל.

אויב צעטראטן ווערט מיין גאט־געבענטשטער ווילן,
מיט שווערע טריט, וואס שלעפן מיך צוריק;
מיט גוואלד איך ווענד זיך אפ פון פוסטע שעהן.
אין יעדן שפאן פארוים — א טראפן גליק.

ליבע

ליב האט די ערד די זונשטראלן,
דאס גראז איז פארליבט אין דעם טוי,
דער טייך איז פארבענקט נאך וואסערפאלן,
דער רעגן — נאך וואלקנדלעך גרוי.

ליב האט דער בוים זיינע צווייגן,
די צווייגן — דעם גרינעם קאליר,
דער פויגל וואס העכער וויל שטייגן,
אין פרייהייט פארליבט אן א שיער.

די ערד זיך צעלאכט ווען צעאקערט,
דער פרילינג איז ליבשאפט אליין;
יעדער פייער וויל העל זיין צעפלאקערט
און רויט ווי די זון אין פארגיין.

זי איז פֿאַרליבט אין איר ליבסטן,
און ער קאָן אָן איר גאָר ניט זיין.
ליבע קען נאַרן דעם קליגסטן,
נאָר יעדער וויל ליבע פֿאַרשטיין.

ליבע — די זאַפט פון די ביינער,
דאָס ליכט — דער שוואַרצאַפּל פון אויג.
אָן ליבע לעבן קאָן קיינער,
אַ ברונעם אָן וואַסער, וואָס טויג?

מענטש איז פֿאַרליבט אינם לעבן,
דער טאָג וויל אין שיינקייט פֿאַרגיין,
די רו ליבט די צאַרטע געוועבן,
אין פרידן פֿאַרליבט איז די היים.

ווי בלומען אויף ערד זיך צעבליען,
איז ליבע מיט פריידן געבענטשט,
ווי פלאַנצן צו זונען זיך ציען,
מענטש בענקט נאָך ליבע פון מענטש.

מיין ליד

ניט פֿאַרטראַכט איז מיין ליד פֿון דער לופֿטן,
ניט פֿון פּוסטן לאַנגווייליקן טאָן.
ווי אַ פֿאַרהונגערט קינד נעמט מיך רופֿן,
ווען אַ פֿונק פֿון אַ ליד צינדט זיך אָן.

דער אויפֿברויז פֿון רייפֿע געפֿילן,
פֿון לייד, סיי פֿון פֿרייד וואַקסט געזאַנג.
דאָס האַרץ, ווי אַ סטרונע קאָן שפּילן,
פֿון טויזנט פֿאַרלאַנגען דער דראַנג.

בילדונג קאָן שאַרפֿן דעם מוח,
ביכער אַנטפּלעקן די וועלט;
אַ ליד וואַקסט פֿון אייגענעם כּוח,
פֿון אייגענעם בליץ ווערט צעהעלט.

מיין ליד ווערט פֿון ציטער געבוירן,
מיט ליבשאַפֿט געצערטלט, געבענטשט;
מעג אַלעם אין מיר גיין פֿאַרלאָרן,
חוץ מיין ליד — מיט נשמה פֿון מענטש.

אַ גורל פון אַ בוך

מען זאָגט, אַז יעדן זיין שיקזאַל איז באַשערט,
און באַלוינונג קריגט מען נאָכן ווערט.
איז מיר באַשערט צו ליגן
אויפן פּאָליצע ביים וואַנט,
און קיין איין־און־איינציק מענטש
זאָל ניט נעמען מיך אין האַנט.
מיינע בלעטלעך פאַרשעמטע, ניט צעשניטן.
עס האָט קיינער וועגן מיר
קיין איינציק וואָרט פאַרביטן.

מיין האַרץ גייט אויס נאָך פינגער־פלעקן.
פיינלעך־ריין, פאַרפּרעסטע ליגן מיינע זייטן.
צום טיש, וואו שמועסן זיך ציען,
האָט מיך קיינער קיינמאָל ניט פאַרבעטן.
זאָל ווער מיין נאָמען כאָטש דערמאָנען:
גוט צי שלעכט, שולדיק צי גערעכט —
כאָטש באַרירן סתם מיין טאָוול.
איך גיי אויס פון אומעט,
עלנט ווי אַן אבל.

ווי אַ בלעטל פאַלט און ווייסט ניט וואו,
בין איך אין אַ „ראַפּל" מגולגל געוואָרן.
כ'בין געווען מיין שעפערס גאָלדענער חלום,
מיך גענערט מיט יושר און שלום.
ווי אַ קינד מיך געצערטלט, קיין מי ניט געשפּאָרט,
מיטן גאָלד פון דער זון, געפאַרבט מיין יעדן וואָרט.

האָט אַ ראַפּל-נומער פֿאַרשיקט מיך
אויפֿן פּאָליצע צו לעבן.
ביטער איז די שעה
וואָס קאָן קיין פֿרייד ניט געבן.

נאָר ווען אַ האַנט ווישט פּלוצלונג אָפּ
פֿון מיר דעם שטויב,
גיט מיין האָפֿענונג מיט פֿרייד זיך אַ דערהויב:
עס וועט דער מענטש מיך באַלד דערפֿילן ווי אַ פֿריינט,
מיך לייענען און זיך פֿאַרשענערן דעם היינט.
איך טראָג דאָס שליסעלע פֿון גאָלד
צו דער ליכטיקער שיין;
ריר מיך אָן מיט דיינע פֿינגער
און קוק טיף אין מיר אַריין!

אָ, בלעטער מיך, ניט לאָז מיך פֿון דיין האַנט,
ניט באַהאַלט מיך מער אויפֿן פּאָליצע ביים וואַנט.
פֿול מיט טרערן מיין געבעט:
באַטראַכט מיין יעדן אות,
איך וועל דיר באַלויכטן דיינע טעג,
דיין פֿאַרוועג און דיין פֿאַרוואָס!

אַלטע פרײַנט

אַן אַלטער פרײַנט, ווי אַלט גאָלד,
אָפּגעשפּאָרט פון די ניט־געשפּאָרטע צײַטן —
אַ פאַרבענקטער פלאַם פון זון־פאַרגאַנג,
אַ פלאַם, וואָס וואַרעמט אפילו פון דער ווײַטן.

ווען אַלטער פרײַנט קומט פּלוצלונג צו מײַן טיר,
פאַרשווינדן פילע, לאַנגע יאָרן.
די יוגנט שײַנט, ווי אַלט גאָלד —
ווי אויפדאָסניי ווערן מיר הײַנט געבוירן.

טעג און נעכט צו ריידן און דערציילן —
אַ שפּאַציר אין לעבנס־גאָרטן פון אייביק גרין.
טעג, ווי ביימער, פול מיט זון און שאָטן —
צום מאָרגן, די פעדים, זיי וועבן זיך דין.

און אויב צער האָט דאָס האַרץ, ווי מיט רייפן געשפּאַנט —
איז גוט זיך צו טיילן מיט פרײַנט;
אַ וואָרט קאָן זײַן היים, ווי אַ זוניקער שטראַל —
פון פרײַנטשאַפט די טרער אונדז באַשײַנט.

אַן אַלטער פרײַנט — לאַנג־יאָריקע גרוסן,
אַן אָפן האַרץ, ווי מײַן טיר צעפּראַלט,
ווי גוטן ווײַן מיר טרינקען טרערן און געלעכטער,
פון פרײַנטשאַפט ריינער קוואַל, איז אייביק יונג, אי אַלט.

איך וויל אויסזינגען

עס ווילט זיך מיר היינט אויסזינגען
די פריידן פון די טעג,
וואָס לעבן און באַטיילן דיך
מיט זייער ליכטיקן פאַרמעג.

פון דעם בוים, וואָס טראָגט דעם העלן צווייט,
און גיט יעדערן זיין פרייד,
און די זון, וואָס קומט צעהעלט אין גאָלד,
דיך אָפּגילדן איז גרייט.

די בלום, וואָס חלומט שיינקייט אויס,
און טרינקט די הייסע זון;
און דעם בינעלע, וואָס קושט איר אויס
די גלידער אומעטום.

פון מאַמעס ליבשאַפטן צום קינד,
פון קינד וואָס מלא חן;
אַ טיר, וואָס פראַלט זיך אויף און לאַכט,
ווען דער טאַטע קומט אַהיים.

פון יונגן פּאָרל'ס זיסן טרוים,
מיט לבנה־שיין געוועבט;
פון ליבע, וואָס צינדט אָן דעם טאָג,
דאָס גליק וואָס אייביק לעבט.

אָ, ווען איך וואָלט קאָנען אויסזינגען
אַלץ וואָס מיין אויג דערזעט,
און וואו מיין האַרץ נאָר קוקט אַריין,
און וואָס צו וועמען רעדט.

פון פרידן, וואָס באַוואַכט מיין שוועל,
און גיט האָפענונג אַ צינד;
פונעם אָנבייסן ביים וויסן טיש,
מיט דעם גאַנצן הויזגעזינד.

אָט־די אַלע פריידן פשוטע,
זיי לעבן אין די טעג,
ווי פאַרביק פרישע בלימעלעך,
געשפּרייט אויף יעדנס וועג.

פּופּצן יאָר

(צו דער 15 יאָריקער פייערונג
פון י. ל. פּרץ לייען־קרייז)

פופצן יאָר אין דער יוגנט —
אַ גרויסער, אַ ווייטער מהלך.
און איין שפּאַן —
ווען מען קוקט אויף צוריק.
אויף דער עלטער — אַ נס יעדער טאָג
ביים מענטשן, ביים זוכער פון גליק.

אין געשיכטע — די יאָרן צעשאָטענע פונקען.
זיי לעשן און צינדן, צעבלאָזן די פלאַמען
פון האַס און פון ליבע,
פון קוילן און גרוילן,
וואָס צעפלאַקערט די וועלט
און ברענט אוים דאָס האַרץ פון דער מאַמען.

די צייט וואָס איז אייביק, אי זיכער,
וואָס גייט אי פּאַמעלעך, אי גיך,
וואָס שלעפּט אויף די פּלייצעס פון יאָרן די פּעק,
די פופצן יאָר, ווי אַ זעמדעלע טראָגט.
נאָר איר תוכיקער, מוטיקער טראָט,
וועט פון אייביקער צייט ניט אַוועק.

האָט אַ הייפעלע פרויען,
מיט פרייד און מיט טרויער,
דערהויבן דאָס ליכטיקע וואָרט:
צו באַלייכטן אין היימען די שאָטנס פון קריג,
און העלפן דעם שלום
אויפהויבן זיין קאָפּ.

דאָס פיר־און־פערציקסטע יאָר
ביז האַלדז שוין אין בלוט;
האָט האַרץ פון הייפעלע פרויען דערפילט
מאַמעדיק־ליכטיק און ריין,
אַז שלום צעזינגט אין איר בלוט,
אַז לעבן זי הייליקט, ווייל לעבן זי גיט.

רופט זי מאַמעס און טאַטעס,
שוועסטער און ברידער,
צו הויבן דעם פאַקל שטאַרקער און העכער;
פון שלום ושלווה זאָלן אויפגיין די לידער,
מיט בלומען און ברויט
זאָל די ערד זיין צעבליט.

ווערט פון פשוטן דינסטיק אַ שבת!
און דער נאָמען פּ ר ץ,
ווי אַ יום־טוב קלייד פּאַסט,
און דער לייען־קרייז
טראָגט מיט אַחריות
אי פרייד, אי פון די יאָרן די לאַסט.

איז דער ווילן פון אמת געשטאַרקט,
דער גלויבן מיט רעכטן, צעהעלט.
ווייסן פון קלאַסישע אוצרות מען שעפּט
פון פּרץ־קוואַל לויטער און טיף,
וואָס פּורעמט און פירט —
דעם טרויער פאַריאָגן פון וועלט.

האַרץ פון אַ קרייז, איז האַרץ פון דער פרוי.
איר בלוט קעגן נאַצישן טייוול זי גיט.
עס צאַפּלט איר לעבן
מיט „טיל” און „מעקגי”.
פון איר צעווייטיקטן פלוך
ברענט אַלץ נאָך די ערד
אונטער „ראָזנבערגס” צעהפקרטע הענקער!

אָן פּחד, אָן מורא, געשפּאַנט און דערשפּאַנט
צו מעקאַרטים פינצטערן קבר.
וואָס גרעסער איר ליבע, מער האַס פאַרן שונא,
אַלץ שטאַרקער איר מי און לויטער איר פרייד,
אַלץ ייִנגער זי ווערט אין איר עלטער;
ווען נצחון צעהעלט,
ווען עס לינדערט די מענטשלעכע לייד.

בויט זי די קרייזן, וואָרט — איר כלי־זין,
איר שפּראַך, איר קולטור איז איר טייער.
איר יידישער לשון, מיט אַלע לשונות,
זאָלן זיין ווי די שוועסטער געטרייע.
זיצן די פרויען בנעימותדיק, שיין,
לייענען און שאַרפן געדאַנקען.

וואָס ליכטיקער, קלאָרער, עס ווערט דאָס פאַרשטיין,
אַלץ ווייטער זיך טראָגן פאַרלאַנגען.
גייט זי פאָרויס אין איר מוטיקן גאַנג,
פאָרויס איז איר בליק פאַר ליבע און שלום,
און פאָרויס אירע מיען פאַר פריידן —
עס טאָגט שוין איר ליכטיקער חלום!

צו שלום עליכמ'ען

ווער זאָגט דו ביסט געשטאָרבן!
ביסט נאָר אין אייביקייט אריין.
אַ וועלט מיט פריינט דערוואָרבן,
זייער טרער זאָל אין לאָכן פאַרגיין.

אין וועמעס שטוב ביסט נאָר אריין,
איז יעדנס לייד און פרייד געוואָרן דיין.
אַ יעדן ייד און יידענע
האַלטסטו אויפן שנירל,
דיין טרייסט־וואָרט פאַרן אָרעמאַן,
דיין חוזק פונעם גבירל.

פון מיין שטעטל די געשטאַלטן,
זיי טרעטן פון דיר ניט אָפּ:
גלייכע, קרומע, בלינדע, שטומע,
שולדיקע, גערעכטע,
ווירדיקע און שלעכטע.

„מאַדאַם גאָלד" באַשולדיקט אירע מענטשן
אין גזילה און אין גניבה;
זי ברענט דניאלן די טריט
און ציילט דעם ביסן פון איר קרובה.
שרה לאה אַנטלייט אַ טעפּל
און צוריק וויל עס ניט געבן.
רב טוביה פּשטלט פסוקים,
וואָס גראַמט זיך מיט זיין לעבן.

היינט מאַטעלע אין נייעם לאַנד,
מיט חיים בער דעם פּרעסער,
אין סטרייק מיטן „שיינעם באַלעבאָס",
ווייל פּיניע ווייסט דאָך בעסער.
דער שניידער האָט זיין גרוים געווינס
אין שווינדלערס האַנט פאַרלוירן;
עסט מען פּיינקוכן אָן אייער
און מען רעדט פון זאַטע יאָרן.

און נאָך און נאָך געשטאַלטן פיל —
ווער קאָן זיי אַלע ברענגען ?
יעדער רעדט זיך אוים דאָס הארץ —
כ'האָב ליב מיט זיי פאַרברענגען.

איז שלום דיר און שלום מיר,
און שלום אויף דער וועלט;
שלום עליכם, עליכם שלום!
מען לאַכט מיט דיר, מען קוועלט.

מאַמע־לשון

אין האַרצן — ווי מיין מאַמען —
טראָג איך מאַמע־לשון.
ליגט עס פריי אויף מיינע ליפּן
און טיף אין נשמה פאַרשלאָסן.

די פּערל־מעשהלעך, די ווערטלעך,
געוועבט מיט יידיש־ניגון,
„ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,"
ווי מאַמעס מילך, געזאָפּט אין וויגן.

דעם טאַטנס קרעכץ — „פּרנסה",
האָט זיין תהילים איינגעזויגן,
דער מאַמעס יידישער בטחון
האָט איר זאָרג איבערגעוואויגן.

אין שטוב דער שבת האָט געזויבערט,
ווען די מאַמע לייענט מיט תחינה־ניגון
פון צאנה־וראינה די צויבער־מעשיות,
אונדז, קינדער, אין חלומות וויגן.

פון אַלע שפּראַכן: דיינע קלאַנגען,
פריילעך־וויינענדיקע טענער;
פון אַלע שפּראַכן ביסטו מיר טייער,
כאָטש ניט קליגער און ניט שענער.

געדערכטער פלוך אויף שונא־ישראל,
צעגליט אין אַש מיט יידיש־וואָרט.
דעם זעלבסטשוץ יידישן, אויף ראַגן,
האָבן די פּאַגראָמען אָפּגעוואָרט!

אויף וואַנדער־וועגן דיך געקליבן,
דורך דורות פּינצטערע, אי העלע.
דיך אין גלות־פייערן געליטערט,
דיין וואָרט געשליפט וואָס מערער.

פון זשאַרגאָן — אַ גרויסער מהלך!
האָט דיך פרץ פּערלדיק דערהויבן.
און מענדעלע, פון הויך־דייטשמעריש,
געררייניקט ס׳וואָרט, ווי גאָלד פון שטויבן.

היינט שלום עליכמס מענה־לשון
פון באַלעגאָלע, שוסטער, שניידער,
מיט ביטער־טרער און האַרציק־לאַכן,
צעוואַקסט זיך מאַמע־לשון ברייטער.

אויסגעפורעמט חכמה־אוצרות,
ביכער, לויכטנדיקע שטערן.
דו לעבסט אין אמת, אויך אין שקר,
אַ שפּראַך ווי שפּראַכן, איך האָב דיך גערן.

דיך אויסגעכאָוועט דורך די צייטן,
אַ יידיש־קינד פון יידיש־לעבן,
אין דיין וואָרצלדיקן עלטער,
קאָנסט יונגע דורות כוח געבן.

איז טיף אין האַרצן ווי מיין מאַמען
טראָג איך מאַמע־לשון.
ביסט דער ברענענדיקער דאָרן,
וואָס אייביק ווערט ער ניט פאַרלאָשן.

דאָס בוך

אַנטפּלעקט פאַר מיר וועלטן ווייטע,
הימלען צעשטראַלטע געווען.
און שטורעמדיקע ווינטן פאַרשייטע —
אַנטפּלעקסט פאַר מיר אַלץ וואָס געשען.

עס קוקן די פאַרלאָפענע דורות
פון דיינע ליכטיקע שורות אַרויס,
ווי רייפע, ווי זוניקע פּירות,
דו פירסט מיך צום העלן פאַרויס.

איך הער די נביאים,
איך דערפיל זייער טראָט;
אין די בערג פון אפרים
שאַלט יהודה׳ס געבאָט.

איך שעפּ פון דיינע בלעטער,
ווי פון לויטערן קוואַל,
צום היינט און צום שפּעטער,
דערטראָגט דער אַמאָל.

אין דיין חכמה צעוויקלסט אַ כוח,
דערהויבסט און באַרעכטיקסט מיין זיין,
ביסט פון אמת און רעכט דער שליח,
דיין שיינקייט ווי לופט זאַפּ איך איין.

איך דערקען דיינע מענטשן,
איך בין איינער פון זיי.
זיי שאַפן, זיי פלוכן און בענטשן,
און צינדן אי פריידן, אי ווײ.

ווערטער, ווי זוניקע בלומען,
פאַר מיר אויפן טיש אויסגעשפּרייט.
טיף איינגעוואָרצלטע זוימען
מיט אייביקער חכמה געזייט.

ריים איך די זאַפטיקע טרויבן,
אי ביטער, אי זיס דער געטראַנק.
דיינע אותיות, ווי ווייסינקע טויבן,
דאָס בוך איז דאָס שענסטע געשאַנק.

ליכט און שאָטן

אַלץ וואָס עס קומט מיט מיין טאָג אין באַריר,
וויל לאַכן, אי וויינען, אי טרוימען אין מיר.

אַ וואָרט קאָן פאַרווישן פון האַרצן דעם פּיין,
און אַ וואָרט קאָן פון סם נאָך סמ׳יקער זיין.

עס לויפט ניט פאַרביי מיר קיין טרויער, קיין פרייד,
און אַלץ וואָס נאַטור און וואָס מענטש דאַ פאַרשפּרייט.

דער פלאַמיקער באַרג, ווען די זון נעמט פאַרגיין,
דאָס בילד אין מיין האַרצן אויף אייביק וועט זיין.

און אַ ניגון אַן אַלטער, נאָך פון קינדערשע יאָרן,
גייט מיר נאָך ווי אַ שטראַל און ווערט קיינמאָל פאַרלוירן.

איך הער דאָס געזאַנג אין טראַט פונם לעבן.
זע ליבשאַפט, ווי גאָלדענע פעדים געוועבן.

דאָס ערשטע וואָרט „מאַמע" אויף עופה׳לעם ליפּן,
דער זויבערער קלאַנג איז אין האַרצן פאַרבליבן.

און קינדערשע חכמות, זייער שטיפן און לאַכן,
זייער פרייד איז מיין אייגנס, מעגן פרעמד זיין די שפּראַכן.

און אַ וואָרט פון אַ שכן, אַ האַרציקער שמייכל,
און די נייעסן צום שטוינען און אַקציעס מיט שכל.

עס שטייען ביי מיין שוועל פּילצאָליקע פריידן
און גערן זיי וואָלטן זיך מערן און שפּרייטן.

נאָר קינדער ניט זאַטע, אפילו פון ווייטן,
מיינע ליכטיקע שעהן מיט שאָטן פאַרבייטן.

איך זע אויגן מיליאָנען וואָס רופן און מאָנען:
זאָל איינער דעם צווייטן ווי אַ ברודער דערקאָנען.

הענט זאָלן שלומדיק זיך פלעכטן אין פריידן,
און מענטש זאָל אויף ערד באַשאַפן גן־עדן.

איז ליב מיר דער טאָג, וואָס קאָן גליק פאַר מיר שפּרייטן,
ווייל איך יעטווידן שאָטן אויף ליכטיקייט בייטן.

פולע טעג און יאָרן

פול דאָ מיט מענטשן דער זאַל,
און די מענטשן מיט גאָלדענע יאָרן,
די יאָרן פולע מיט אַרבעט, מיט ציל,
קיין רגע אומזיסט ניט פאַרלאָרן.

רייפע טעג, ווי האַרבסטיקע זאַנגען,
ווי צייטיקע עפּל געשמאַקע;
און טעג, ווען די זון אין בלוט איז פאַרגאַנגען,
און טעג פול מיט טאַטן געוואַגטע.

דער דור, וואָס האָט וואונדער פאַרנומען,
און פון דורות דעם חורבן דעם גרעסטן,
דער דור, וואָס צעברויזט קעגן אומרעכט,
מיט גוואַלדיקע גרויסע פאַרמעסטן.

אָט זיצן זיי, זילבערנע קעפּ, ווי די קרוינען,
אין אויגן די חכמה פון צייטן,
פול מיט זכרונות, צו הערן און שטוינען:
פון ברעכן, פון בויען און בייטן.

וויפיל קרוינען פאַרשייטע, פאַרשאַרט אונטער פוס?
וויפיל ליכט האָט פינצטערניש פאַרביטן?
קיין דור אין געשיכטע ניט געהאַט אָט־דעם זכות —
פון זייער בלוט זען וועלטן צעבליטע.

פון לעבן ווי תפיסה, פון נאַכטיקן שימל,
פון פערד און וואָגן אויף בלאָטיקע וועגן,
צום שטאָלענעם פויגל, וואָס פליט אַזש אין הימל,
און צום מענטש, וואָס וויל פריי זיך באַוועגן.

אַזוי פיל דערגאַנגען! דאָך ווייט נאָך ניט אַלעס,
ניט אַלץ וואָס אין הארצן זיי טראָגן:
אַז די גאָלדענע זון זאָל פאַר איינעם, ווי אַלע,
אויסגיסן העלע פאַרטאָגן.

ווערטער

ווי די קערנדלעך, ווערטער זיך שפּרייטן,
ליכטיקייט וואַקסט פון זיי אויס.
זיי ווילן דעם מאָרגן פאַרגרייטן,
זיי רופן דעם היינט גיין פאָרויס.

און ווערטער, ווי סמ׳יקע שלאַנגען,
בייסן די, וועלכע צילן צו דער זון.
זיי ווילן די זון אויך פאַרשלינגען;
זאָל פינצטערניש זיין אומעטום.

און די זויבערע ווערטער, די העלע,
וואָס טראָגן דעם פרילינג, דעם מאַי,
אין פאַרמעסט מיט די ברודיקע, געלע,
וואָס זיינען צו קיינעם געטריי.

פאַלן ווערטער אויף הארץ און אויף מוח,
אי ברענען, אי העלן דעם טאָג.
קלייב איך אויס די, וואָס גיבן מיר כוח
צו בייקומען ווערטער פון פלאָג.

איך וואָלט...

ווען מיין טאָג וואָלט געווען אַ יאָר,
און מיין יאָר וואָלט אַן אייביקייט זיין —
איך וואָלט מיט קינדער געשטיפט, מיט גרויסע געלאַכט,
און מיט יעדערן טרינקען דעם וויין.

מיט יעדן גערעדט כ'וואָלט אַ וואָרט אָדער צוויי,
אין יעדערנס האַרץ וואָלט געטיפּט זיך מיין בליק,
אַ נויטיקן טרייסט-וואָרט מיר וואָלטן געטוישט,
אויף דער גאָלדענער ברודערשאַפט-בריק.

מיין וויזיט-קאַרטל ברייט כ'וואָלט צעעפנט
פאַר יעדערן פריי אויף מיין שטערן;
איך וואָלט שטיין ביי מיין שוועל מיט רואיקן שמייכל,
ווען מיין טאָג זאָל כאָטש לענגער געווערן.

איך וואָלט שעה'ן געקוקט אויף די זוניקע פלאַנצן,
און מיט אייגענע הענט זיי אָפּהיטן,
פאַרשניידן די פוילע, פאַרעלטערטע בלעטער,
און באַהילפיק זיין יונגינקע בליטן.

אויף ווייך־גרינעם גראָז, אונטער שטראַליקן הימל,
איך וואָלט שיינע חלומות געשפּונען,
און ערגעץ אין גאַנג אין צעזומערטע שעהן
כ'וואָלט אין האַרץ ביי מיר לידער געפונען.

נאָר דער טאָג אַזאַ קורצער, מינוטן אַנטלויפן,
איך ווייס ניט וואוהין זיך זיי איילן.
איך ווייס נאָר — זיי לאָזן קיין וואָרט ניט אָנשרייבן,
ווען איך טו מיינע שעהן פאַרווייל.

געזאַנג פון די טעג

פון יעטווידן טאָג אַן אַנדער געזאַנג:
לידער פון פרייד און פון טרערן.
לאַנג איז דער וועג, נאָר קורץ איז דער גאַנג,
כאָטש זאָלן די לידער געווערן.

אַט בליצט אויף אַ ניגון, וואָס טראָגט זיך פון לאַנג,
ווען פרילינג די טעג האָט באַקליידט,
פון רויטע פאַרנאַכטן וואָס שפּינען פאַרלאַנג,
פון ליבע, וואָס זינגט און דערפרייט.

פול איז דאָס האַרץ און היים ווי די זון,
די פריידן ווי גאָלדענע זאַנגען,
פון צויבער־קאָלירן דעם גאַנצן אַרום;
אַזאַ טאָג שאַפט די שענסטע געזאַנגען.

און ווען שטורעם צעברויזט דעם זומער צעבליטן,
און שפּרייט אוים די צעשראָקענע נאַכט,
דאַן ווערן די טענער, די ריטמען געביטן,
דאָס ליד ווערט דאַן טיפער פאַרטראַכט.

יעטוועדער טאָג ברענגט נייע געזאַנגען,
איז יעדע ליד ווי אַן אבר מיר טייער;
אָפט זינג איך פון דאָרט, וואוהין איך בין נים דערגאַנגען,
אָפט זינג איך פון ליכטיקן פייער.

אַ ליד איז אַ שפּראָץ פונעם לעבן,
ווי די פלאַנץ, וואָס צעגרינט פון דער ערד,
פון פילערליי פעדים געוועבן,
ווי מענטש, מיט חסרון און ווערט.

דריי זין

צו בעקי בערמאַן

דריי זין, דריי ביימער צעבליטע,
פון וויסטן שטורעם פאַרשניטן.
די מאַמע, אין ווירבל-געוויטער,
קלייבט די צעפאַלענע בליטן.

עס האָט איר דער גרויל ניט געשוינט,
אין יעטווידן וואָלקן איר טרער.
נאָר מיט זילבער איר קאָפּ איז באַקרוינט,
און שכלדיק טראָגט זי איר צער.

זי נעסטיקט זכרונות פון זוניקן נעכטן
מיט קינדער און מאַן, ליכטיקע היים;
זייער מי, פּאָר אַ לעבן גערעכטן,
אין אחדות געוועבט זייער טרוים.

עס טראָגן די ווענט נאָך די צאַרטע מוזיק
פון אירע זין, וואָס דערפרייט האָט די וועלט.
טאַטע-מאַמע געוויקלט אין ליבע און גליק,
דריי בליציקע שטערן זייער הימל צעהעלט.

מענטש פון לעבן פאַרזוכט אַלע טעמים,
נאָר פּאָר איר איז פון צער פול די מאָס.
איר גן-עדן פאַרוואַנדלט אין גיהינום,
ליגט איר גליק אונטער ערדישן שלאָס.

פיר ביימער, דריי זין און אַ מאַן,
פילע מאָל שוין געשטאָרבן מיט זיי,
נאָר אין איר טליעט פון דורות דער פלאַם:
פון לעבן, פון ליבשאַפט און וויי.

אַ ליכטיקער גרוס

כ׳האָב געזען היינט דאָס נאַקעטע האַרץ פון אַ מאַמען,
איר קינד האָט זי פּלוצלונג געפונען:
אַ בריוו און אַ בילד, פון די יאָרן אַ גרוס,
פון טויזנטער ווייטע מיילן געקומען.

פון די שטורעמס געשטויסן, פון היים אָפּגעריסן,
צווישן מאַמע און קינד צעשמעטערט די בריק.
אין ראַטנלאַנד ער, אין נעץ פון מלחמות,
פאַר איר דאָ האָט פון ווייטיק די ערד זיך געוויגט.

ווען רשעים וועלטן רודערן אויף,
זיינען פילערליי שטראָפן פאַראַן:
מענטשן וואָס ווערן ווי שטויבן צעמאָלן,
און פאַר די, וואָס געצוימט איז דער אייגענער שפּאַן.

שוואַרצע מחשבות פאַרשטעלן די זון.
און פון ווייטן דאָס פייער האָט איר האַרץ אויסגעברענט.
אַ קינד, אירס אָן אבר, איבער ברוזיקע ימען,
און זי קאָן ניט אויסשטרעקן די מאַמעשע הענט.

איצט פאַלט אירס אַ זודיקע טרער אויפן בילד.
איר זון האָט געשיקט איר זיין שמייכל, זיין ליכט;
דער בוים, וואָס פון שטורעם פאַרבליבן, שטייט פעסט:
ס׳האָבן פינגער פון גרויל און פון גליק אים באַרירט.

האָב איך היינט מיט דער מאַמען געוויינט און געלאַכט,
מיט זון און מיט שאָטן די טרערן געמישט.
די בילדער פון אַלע חלומות אַ וואָר,
דער ליכטיקער גרוס האָט איר ווייטיק פאַרווישט.

אַ פערטל יאָרהונדערט

צו יאַניאַ און אַברהם פּאָלאָנסקי

אַ פערטל יאָרהונדערט באַנאַנד
אונטער זילבערנע הימלען;
אויך הימלען ווי בליי.
אויף באַרגיקן וועג
איז גרינגער דער גאַנג
מיט הערצער פון ליבשאַפט געטריי.

ליבע צינדט אָן אַלע פריידן,
אַ פריש ריינער קוואַל,
וואָס גראָבט אין דער טיף.
עס גייען אויף פון איר דורות, ווי זונען,
איז פון לעבן דער גרונט,
און דער פריידיקער שטיף.

פינף־און־צוואַנציק באַפרוכפּערטע יאָרן,
מיט שוואונג און מיט וואַגיקן שפּאַן.
נאָר עס ווערן די פאַרבן
ניט שוואַכער, ניט בלאַסער,
פון דער ליבשאַפט
פון ווייב און פון מאַן.

דאָס פערטל יאָרהונדערט —
אַ קאָלירפולער קראַנץ!
דער וועג, דאַכט זיך, נאָענט,
דאָך מוראדיק ווייט.
דו צערטלסט דעם נעכטן,
נאָר ליב איז דער היינט,
וואָס פירט דיך צום מאָרגן,
און בינדט צו דער אייביקער צייט.

מענטש ווערט געבוירן צוזאַמען,
און אייביק צוזאַמען מוז גיין.
נאָר דאָס אָרט צווישן צווייען
זאָל גרויס זיין,
צווישןביידן
זאָל אַ ווינטעלע ווייען.

ליבע באַקרוינט און באַהעלט דיך,
אויך אויסברענען
וועט דיר דיין טראַט;
קאָן דיך פירן אויף שאַרפן פון שפיזן,
און קאָן זיין דיר
דאָס שענסטע געבאַט.

פאַר געזונט

מיין „פאַר־געזונט"— מיט בענקשאפט פול
נאָך יענער גוטער, ליבער שעה,
ווען אַלץ וועט זינגען אין מיין שטוב:
דו ביסט צוריק שוין דאָ.

שוועב אין לופטן, פריי ווי אַ פויגל,
מיט ווייסע לאַמען דער גאַנצענער אַרום.
און וואו דיין טראָט זאָל זיך ניט נויגן,
באַגריסן זאָל דיר היים די ליבע זון.

דו פאַרסט און לאָזט מיר פיל מתנות:
דיין גוטסקייט, דיין שמייכל און דיין וואָרט.
אַנטקעגן קומען פריינט מיט פילע שיינע ברכות,
נאָר דאָ וועט קיינער ניט אויספילן דיין אָרט.

פאַרנעם די פראַכט פון אַלע צוויבער־וועגן;
דאָס פאַרנאַכטיקע גינגאָלד, אויף באַרג און טאָל און טייך.
נאַטור וועט פאַר דיר פילע אוצרות וועבן—
מיט איר שיינקייט זאָלסט צוריקקומען באַרייכט.

אַ טרער

אַ טרער איז אַ פונק פון צעגליטער נשמה.
ווי פון שטאָך אינם לייב, שפּראָץ־בלוט.
פון טרויער־געדאַנק די סמנים,
סיי פון פריידיק־צעהעלטער מינוט.

זי פליסט פון די טיפסטע, באַהאַלטענע גרונטן
אומפאַרשטענדלעך פאַר זיך אַפּט אַליין.
שטאַמט פונם טאָג דעם פאַרשטומטן,
סיי פון טאָג, וואָס איז רוישיק אי שיין.

אַ טרער קאָן פאַרבלענדן, אַ טרער קאָן פאַרווישן
די כמאַרעס, וואָס שוואַרצן די שעה.
נאָר די טרער, ווען דער עלנט האָט הימלען צעריסן,
איז קיין צווייטע צו איר גאָר ניטאָ.

איז אַנדערש די טרער פון האַרציקן לאַכן,
זי טראָגט ניט קיין ווייטיק, קיין קרעכץ;
נאָר אַ טרער איז אַ טרער, זי האָט אייגענע שפּראַכן:
די גרונטן פון גוט און פון שלעכטס.

אַ טרער פון פאַרליבטע: פאַרצויגענער וואָלקן,
וואָס באַהאַלט פון לבנה דעם שיין.
אַ קוש קאָן אויסגלעטן, אויסגלייכן די טאָלקן,
ווי די טרער וואָלט אויף אייביק פאַרגיין.

אָבער הייסער פון אַלע איז די טרער, וועלכע קאָן ניט
באַווייזן איר פּנים פאַר וועלט;
זי טריקנט אין מענטשן און ווייסט ניט אַפּנים,
אַז מיט איר ווערט דאָס האַרץ אויך פאַרוועלקט.

טעותן

מיך פאָלגן נאָך די טעותן,
וואו איך זאָל ניט זיין.
זיי צאַמען אָפּט מיין וועג
און פאַרשטעלן מיר די שיין.
ס'איז שווער מיט זיי צו לעבן,
נאָר איך קאָן אָן זיי ניט זיין.

זיי קייטלען זיך און מערן,
זיי קומען און געווערן,
פון איילנדיקן לעבן,
סיי פון ליבע די געוועבן.
זיי טענהן, מאָנען מיך און פרעגן,
נאָר וואַקסן ווי שוואָמען נאָך א רעגן.

דאָך ווען קומען וועט די צייט,
אָן שום טעות אויף מיין וועג;
אַוועק וועט אויך די פרייד,
און שווער וועט זיין די שעה.
כ'האָב ליב דעם שטילן יום־טוב טאָג,
נאָר מיין הארץ האָט פיינט די רו.

אַ פֿאַרלעגענע טרער

פֿון אַ פֿערטל יאָרהונדערט, אַ פֿאַרלעגענע טרער
געפֿינט היינט איר רו אויף מיין ברעם,
זי שטאַמט פֿון אַ טאָג, ווי אַ יאָר, און נאָך מער,
ווען ס'האָט האַרץ זיך געריסן פֿון אייזערנעם קלעם.

דער קוואַל פֿון די טרערן האָט זיך דאַן ניט געשטילט,
פֿון וועלט געוואָלט אַפּוואַשן זינד.
די זון און די שטערן אין וואָלקנס פֿאַרהילט
און שטיל האָט געוויינט די וואונד.

נאָר ווי קומט צו מיר היינט די פֿאַרלעגענע טרער?
ווער האָט איר געוועקט פֿון איר שלאָף?
פֿאַרגעסן, פֿאַרגאַנגען? געזאָגט איז ניט מער.
בלויז ניטאָ צו קיין אָנהויב קיין סוף.

געמיינט

עס דערטראָגט צו מיר היינט נאָך
אַמאָליקע קלאַנגען
פון רוישיקע קינדער,
פון האַסטיקן יאָג,
פון רויטע פאַרטאָגן,
פון יונגע פאַרלאַנגען;
געמיינט עס וועט אייביק
זיך ציען דער טאָג.

דער טיש אַזאַ ברייטער,
אַ גרייטער געווען;
האָט ליבשאַפט
דאָס ברויט אונדז באַשיינט
מיט טויזנטער פליכטן
פון אַרבעט און ציל;
געמיינט ס'איז אָן סוף
יענער רוישיקער היינט.

איין קינד פּראַקטיצירט
און עס שרייען די טענער,
און דאָס צווייטע
מאַכט פּראָבע געזאַנג,
קולות, געלעכטער,
און ערנסטע ווערטער,
צעפלאַמטע,
ווי זון אין פאַרגאַנג.

אָט ווי נעכטן געווען!
נאָר ס'איז גרויס דער מהלך
פון די פולע
פאַרהאַוועטע טעג.
היינט טראָג איך סימנים
פון נעכטיקן רעש,
און באַניי זיי
אויף היינטיקן וועג.

דער צוקונפטיקער מאָרגאַן

זיין קליין געשעפטל טרייבט אים,
צו טרייבן זיך אַליין.
לאַנגע טעג און מידע שעהן,
דאָס קרעמל שלינגט אים איין.

ער איז סוחר, בעל־מלאכה,
מוז אַליין חשבונות פירן:
שטייערן, פּראָצענטן,
צו רעגירונג און באַנקירן.

פאַרמשכנט לאַנג זיין רו־טאָג,
זיין נאַכט איז ניט פאַר שלאָף.
ניט קיין שבת, ניט קיין יום־טוב,
קיין אַלף, ניט קיין תוו...

ער טרייסט זיך מיטן חלום:
ס'געשעפטל וועט נאָך בליען!
און קונים גאַנצע שערענגעס
צו זיינע טירן ציען.

ער וועט נאָך אַלץ אויפמאַנען:
דעם שלאָף, די רו, דאָס יאָגן.
עס מוז דאָך פינצטער ווערן
איידער ס'הויבט אָן טאָגן.

עס יאָגט אין אים, ווי רוחות,
פאַרטאָג צעפראַלט די טירן.
ער זעט זיין גרויסן מאָרגן,
ער וועט פיל געשעפטן פירן.

דערווייל נאָר וואַקסן חובות
און טרייבן: שנעלער, לויף!
צו הונדערט באַלעבאַטים
זיין לעבן איז פאַרקויפט.

ווערט פלוצלונג זיין פרימאָרגן
אַ פיינלעכער „צו־שפּעט";
דער צוקונפטיקער מאָרגאַן
האָט זיך קוים דערשלעפּט צום בעט.

זעכציק יאָר

איך טראָג מיט פרייד מיינע צענדליקער יאָרן,
ווי דער שניטער זיין מיאיקן שניט;
ניט געגאַן איז מיין זומער פאַרלאָרן,
כאָטש מיין ווינטער געברענט האָט די טריט.

אַ שעה איז אַן אייביקייט אָפטמאָל געווען.
געלעקט האָבן טעג די אוראַלטע פיין.
ברויט אויף שפּיץ מעסער געזען,
האָט די טרער אָפט געפינקלט ווי וויין.

געטראָגן דעם חלום פון אַ ליכטיקן מאָרגן,
אַ צעברויזטער געווען יענער היינט.
אַ טרייסט פאַר די אייגענע טעגלעכע זאָרגן,
ווען דער שטערן אין מזרח דערשיינט.

פיל וואַסער פאַרלאָפן אין לויף פון די יאָרן,
און די וועלט איז מיט בלוט אָפגעגאַן.
אין די פלאַמען געברענט, אי געלייטערט געוואָרן,
מיט פאַרלוסט און נצחון אין די זעכציק אריין.

איז גרינג איצט צו טרינקען לחיים צו דעם יאָר,
וואָס טראָגט די זכרונות פון יונגבלוטיקן ברען,
זיך טוליען צו מיין נייעם צעזוניקטן דור:
פון מיר זיך צעוואַקסן ליכטיקע צען.

הויב איך דעם כוס צו די זעקס צענדליק יאָר,
צו די יאָרן וועלכע נערן מיין היינט,
צו מיין אומדערשראָקענעם, מוטיקן דור,
און צו אייך מיינע האַרציקע, טייערע פריינט.

דערוואַרטונג

גענגרייט זיך, געפּוצט פאַר דיין קומען,
מיט גאָלד כ׳האָב מיין קלייד אויסגעניית,
מיט פּריש-אָנגעריסענע בלומען,
מיט ליבע דעם טאָג צוגעגרייט.

מיט האָפענונג די בענקשאַפט פאַרהילט —
עס שלאָגט באַלד די ליכטיקע שעה,
די טיר אָ צעפּראַלטע זי קוועלט:
אָט באַלד שוין, אָט באַלד איז ער דאָ!

צו פול שוין דאָס הארץ מיט פאַרלאַנגען,
בלייבט די פרייד ווי אַ ביין אין האלדז שטיין;
די שעהן זיי בייסן ווי שלאַנגען,
ווען וואַרטנדיק בלייבסטו אַליין.

סם וועדט פון זיסער דערוואַרטונג,
אַ לאַסט אויפן הארצן פאַרפרעסט,
זיך גנבעט צום ליבסטן פאַראַכטונג,
ליבע מיט האָס אין פאַרמעסט.

איז גוט וואָס אַ טאָג קומט אַ נייער,
און דו ביסט געקומען מיט רעש;
געבראַכט האָסט פון ליבע דעם פייער,
און הייסער געצונדן דעם קוש.

ווידערקול

דיינע אויגן טונקל ווי די נאַכט,
צעעפנסט טרויער־קוואַלן.
איך גלייך אויס דיין קרומען שמייכל —
... ניט אַלץ איז דאָך פאַרפאַלן!

דער שאָטן פון די נעכטנס
אויף דיינע ליפּן הענגט;
ווערטער, פאַלנדיקע בלעטער,
האַרבסטיקע, פאַרבענקט.

דיין לעבן לייגסט פאַר מיינע פיס,
צעריסן און צעפליקט.
די זון, די טעג דיך ניט באַשיינט,
דיינע יאָרן ניט באַגליקט.

דיין האַרץ, אַ פייער־קנויל געווען,
דיין ליבע — הייסע קוילן —
דיך געבראָטן און געברענט,
דיין יעדן טראָט באַפוילן.

דיך דערהויבן צו די הויכן,
און געוואָרפן כּף־הקל,
נאָר געוואָלט האָסטו פאַרגאַנצן
דעם בראָך פון יעדן פאַל.

היינט זוכסטו איין פונק כאָטש פון פריידן,
צו ליכטיקן עטוואָס דיין היינט,
נאָר דער שאָטן פון די נעכטנס
דיין איין־און־איינציקער פריינט.

דיין הויט צעאַקערט ווי די ערד,
דער פראָסט אין דיינע האָר.
ווי אַ ריינער שפיגל שטייסט פאַר מיר,
דורכזיכטיק און קלאָר.

פון די ניט־אויסגעלעבטע פריידן
קייטלט זיך די פיין;
און פון יעדערנס דערציילונג
קאָן איין געשיכטע זיין.

געוואַגטע טריט

די ביינאַכטיקע פלענער צערינען בייטאָג,
ווען איך וואָג ניט צו שטעלן די טריט.
דעם חלום אין הארץ וואָס איך טראָג,
פון טויזנטער שאָטנס פאַרהיט.

ווען גיין כ'האָב געוואַגט אין פאַרבאָטענע וועגן,
האָבן דערנער געשטאָכן די פיס;
האָט דער רוף פון די זוניקע ברעגן
מיט גוואַלד מיך געגעבן אַ ריס.

און ווען ס'האָט מיך מיין חלום גענאַרט
און שיר מיך אין יאוש פאַרטריבן,
איך וואָלט מער שוין קיין טראָט ניט געוואַגט,
ווען ס'וואָלט קיין פונק פון מיין גלויבן פאַרבליבן.

איז וואו נאָר געוואַגט האָט מיין טראָט,
דאָרט האָב איך פלאַנצן געזייט.
איז ווילדגראָז געוואַקסן אנשטאָט —
וואָג איך ווידער צו זוכן די פרייד.

דער צושטייער

פון שווער־געאײלטן אַרבעט־טאָג
אַהיים בין איך געקומען;
פון זיך אָפּגעשײלט דעם רעש און רויש,
און די רואיקייט פאַרנומען.

פאַרבענקטע שטייען טיש און באַנק,
פאַרחלומטע די שטולן,
די שטילקייט — ווי מיט מעסער שנײַדט,
צעשפּרייט אויף ווענט און דילן.

צעעפן איך די טירן ברייט
און רוף צו מײַנע שוועסטער —
פאַר שלום זייער בײַטראָג
ברענגען זיי דאָס בעסטע.

אַ וואָרט, אַ בוך, אַ האָפענונג,
די שאָטנס זיי באַלייכטן;
זיי גיבן זייער האַרץ און מי
דעם לעבן צו באַרײַכן.

ווערט מײַן געמיט ווי פעדער גרינג.
איך אָטעם אָפּ גאָר פרייער.
די שוועסטער לויכטן אויף מײַן שטוב:
ס'איז גרוים זייער צושטייער!

צווי דעמבעס

צו פאַלין און אייזיק סטריער

מענטש קאָן וואַקסן מעכטיק און גרויס
אין פאַרמעסט מיט זיינע ברויזיקע טעג,
קאָן גוואַלדיק פאַרטראָגן און ריזיק פאַרטרייבן.
זיין ליבשאַפט, זיין ווילן אים פירן פאַרויס.
ער קאָן פיל גיפט דערשלינגען
און ניט ווערן פאַרסמט.
אָט קראַמפט אין אים יעטווידער אבר,
אָט דערהויבט ער זיך ווידער און שפּאַנט!

אין שטורעם־געוויטער צעוואַקסט זיך דער דעמב,
אין מענטשן צעבליט זיך זיין אייגענער שם.
זיין גוטסקייט פאַרזיסט זיין ביטערן בעכער,
זיין אייגענע ליכט אין אים העלט.
צווי אַלטע דעמבעס שטייען צעגרינט,
געוואָרצלט, געטיפט זיך, געשפּרייט,
פון ווינטן געשמיסן, פון זונליכט געטרייסט,
שמייכלען זיי שטאָלץ צו די דעמבעלעך יונגע,
וואָס האָפערדיק שפּראָצן פון די וואָרצלען אַרויס.

קוקסט פון דרויסן אַריין

האָסטו ווען זיך פון דרויסן
פאַרקוקט דורך די פענצטער
אין פרעמדע און ליכטיקע היימען ?
און געשלונגען דאָס ליכט,
און געוועבט זיך אַ טרוים,
אָדער שטאַר זיך פאַרקוקט
אין פאַרנעפּלטן רוים ?
געדוכט אַז די וועלט האָט בכיוון
געוואָלט דיך ווי אַ שאָטן פאַרזען.
געפילט, ווי וואָלסט איינער אַליין
אין אַ וויסטיקן מדבר געווען.

האָבן די ליכטיקע הייזער
מיט פרעמדקייט געהויכט.
נאָר דיין בליק העגגט פאַרגליווערט
צו אַ בליץ־לאָמפּ אַ רייכן,
און דיין בענקשאַפט געקאָנט האָט
דעם הימל דערגרייכן.

***

אַ גאַנצענעם טאָג אין די טירן געקלאַפּט,
און דער האַרטער און נאַסער טראָטואַר
האָט דאָס לעצט ביסל כוח געצאַפּט.
אויפן בוידעם, אין קליינינקער דירה,
געפּיפּסט דיינע קינדער, ווי גרויסע פאַרזאָרגט.
דאַן קריגסטו דעם כוח פון שמשון הגיבור
און דעם מוט פון דיינע אבות־אבותינו
לאַכסטו און שטיפסט ווי די וועלט איז גאָר דיינע,
ביז די קינדערשע פּנימלעך לאַכן און שיינען.

שלאָפלאָזע נאַכט

גאָט האָט מסתמא באַשאַפן די נאַכט,
כדי אַלע ענינים זאָלן ווערן באַטראַכט.
אין שלאָפלאָזע שעהן דערוואַכט אַלעס קלאָר,
פאַרוויקלטער חלום ווערט נאַקעטער וואָר.

אַלץ לויפט פאַרביי מיין ביינאַכטיקער בעט,
אַלעס דערציילט און יעטווידער רעדט:
סיי די וועלכע גייען אויף זוניקן וועג,
און די וועלכע איילן אין ווילדן געיעג.

אין פלאָנטער פון לעבן, ווי ווינטן געדריי,
באַצאָלט מען פאַר ברויט מיט ווינד און מיט וויי.
פילע טעג דאָ דערוואַכן אין מיינע פיר ווענט,
וואָס האָבן מיך האַרב מיטן לעבן באַקענט.

און דאָס ליכטיקע פנים פון קינד ביי דער זייט,
און די ליבע וואָס וואַרעמט אין פראָסטיקער צייט.
אָט בליצן אויף ווערטער, וואָס לויכטן ווי שטערן,
און ווערטער, וואָס בעסער מען זאָל זיי ניט הערן.

וואָס טונקעלער די נאַכט, אַלץ טיפער זי זעט,
און מאַמעדיק-צאַרט צו מיר רעדט.
דאָס ניט דערזאָגטע, די נאַכט רעדט אַרויס,
אויב ווע‌מען באַוואָלט — איך טאַדל זיך אויס.

עס לויפן די בילדער פון היינט און אַמאָל,
עס שטראָמען געדאַנקען, ווי רוישיקער קוואַל,
ביז בלייכער באַגינען אין שויב קוקט אַריין,
מיט די נעכטנס דערוואַכטע, שלאָף איך דאַן איין.

זכרונות

גוט איז צו טראָגן זכרונות
פון די פולע צעוואַקסענע טעג,
ווען ליבע געבענטשט האָט די שעהן,
און באַהעלט דעם פאַרטונקלטן וועג.

געטרייסט האָבן פרילינג חלומות:
אויב פינצטער, וועט ליכטיקער זיין.
אין ליבע די טעג ווערן זוניק
און די נעכט מיט לבֿנה׳יקער שיין.

גאַנץ אָפט האָט אַ טראָט זיך פאַרטשעפּעט
און שווער איז אויף שטיינער דער פאַל;
גייט נאָך מיר אַ טאָג אַ פאַרטרוימטער,
און מאָנט דאָס גליק, וואָס פאַרזאַמט האָט אַמאָל.

אַ בוים וואָרצלט נאָך טיפער פון ווילדן געוויטער,
און העלער צעבליט זיך זיין צווייט.
דער וואָגיקער שפּאַן פון דעם נעכטן
איז דער שוואונג פון די היינטיקע טריט.

טראָג איך זכרונות פון פראָסט און פון זון;
כאָטש ווער האָט עס דעמאָלט געוואוסט,
אַז פון די איבערגעלאָדענע נעכטנס
איז דער היינט ניט פאַרבליבן מיר פוסט!

באַברויסק

שטאָט פון מיין געבוירן גייט מיר נאָך דורך די יאָרן,
אין פרייד און אין טרויער, אין נאַכטיקע שעהן,
שטענדיק איך זע דיינע גאַסן און געסלעך,
דיינע בלאָטיקע וועגן, דער ברייטער שאָסיי,
די „ראָשטשעס" צעגרינטע, די בערעזאָווע ביימער,
צעאַקערטע פעלדער און גרינער פאַרזיי.
די פריידיקע זומערס אין קינדערשן שפּיל,
טאַטע-מאַמע און ברידערלעך, שוועסטערלעך פיל.

די פריצישע לאָנקעס, די סעדער מיט פרוכטן,
מיינע זיסע חלומות פון אַלץ צו פאַרזוכן.
און די אָרעמעלייט אין די געסעלעך קרומע,
שטענדיק איך זע זיי אין שאָטנס געוויקלט,
פון מוח געריירטע, צעהויקערטע, בלינדע און שטומע.
אַ שטאָט פול מיט טרויער, און מיט שיינקייטן רייך:
נאָך ניט געזען אַזאַ הימל, מיט ליכטיקע שטערן,
וואָס זילבערט דעם ברעג פון בערעזע טייך.

און פאַרחלומטע שווימען דאָרט לאָדקעס,
אַן עכאָ צעטראָגט אין דער לופטן
געזאַנגען, פאַרבענקט ווי דער זומער;
לידער פון פרייהייט, וואָס וועט אַמאָל קומען.
און פון קלויסטער-סאָד שרעקן די טונקעלע שאָטנס.
און די יידן פון שול, מיט זייער ברייטן גוט-שבת.
היינט די שבת נאָך-וואָרמעס ניעווסקער שפּאַצירן—
אַ יוגנט אין ראַשיקע, בונטע קאָלירן.

שטענדיק איך טראַכט פון דיר, שטאָט פון מיין געבוירן,
פון שניידער, פון שוסטער, שמיד, באַלעגאָלע;
די נעמען פּאַרטייטשטע, טשיקאַווע:
שמעון דער חתן, וועלוול די מויד,
און די גראָבע רביצין, אַ צעבלאָזענע בויד;
דער בלינדער מגיד, צדיק פון שטאָט —
פון אים האָט יעדער מיט יראת הכבוד גערעדט.

און דאָקטאר פייערטאָגס ליכטיק געשטאַלט;
אַ שטראַל אין פאַרחושכטן קוואַרטאַל.
אי געהיילט, אי באַטיילט זיי מיט ליבשאַפט פון מענטש.
מיט אים האָט די שטאָט זיך געבענטשט.
און ווער קען עס פאַרגעסן דעם בלענדיקן שניי,
באַווייסט האָט די קרומע, די בלאָטיקע שטיבלעך,
און באַלויכטן די פינצטערע, מוראדיקע נעכט.

דער פייף אין דער לופט
פון ווילדער נאַגייקע!
די בלינדע שיכרות, דער רשע-גאַרדאָוואָי;
איבער אַלץ ווערט צעטראָגן
דאָס זידל-וואָרט „זשיד",
און געברענט די נשמה פון ייד.

דער אַלטער שליאַך האָט פיל בושה געבראַכט:
געזען ווי מען פירט דאָרט די מיידלעך אויף „סמאָטר" —
צעפּיבערט, צעפּלאָמט, פאַרשפּיגן, פאַרשעמט,
געזען דיינע אָפענע וואונדן, מיין שטאָט.

און אויף מיסטיקער, גרויער סלאַבאָדקע
האָבן קינדער געקליבן ביינער און שמאַטעס,
צו ברענגען פֿאַר גראָשן
די זדושלינע טאַטעס.

אין קעלער־שטוב, פּייכטע און בלאַטיקע ווענט,
האָט דער הונגער געברענט אינעם מענטש!
יעדער געזוכט האָט אַ סקאָרינקע ברויט,
איז דער נאָענטסטער גאַסט געווען דער טויט.
אָך, ווי איך טראַכט פֿון דיר,
שטאָט פֿון מיין געבוירן!
דאָן ווייניק פֿאַרשטאַנען דיין אומרעכט, דיין פּיין;
געוואוסט נאָר דעם טרויער פֿון הונגעריק זיין.

ווען עס דערטראָגט פֿון טעאַטער־סאָד צאַרטע מוזיק,
טוט די וועלט זיך אין צויבער־ליכט אָן.
אין שפּאַרונע עסט איין זיך מיין דורשטיקער בליק,
טרינק איך די פֿרעמדע, צעכוואַליעטע פֿרייד,
און מיין קינדהייט אין בענקשאַפֿט פֿאַרגייט.
אַ שטאָט ווערט דיר אייגן, ווי לייב און נשמה,
האָסטו זיך פֿאַרקריצט אין מיינע קינדערשע יאָרן,
דיך מיט קינדערשן פּחד און ווייטיק פֿאַרלאָזט.
אי געליבט, אי געהאַסט דיך, שטאָט פֿון מיין געבוירן.

מיין טאַטע

מיין טאַטע געווען, ווי באַזונדערע צוויי,
ווי אַ שטראַל וואָלט אין אים זיך צעבראָכן:
אום שבת געווען צעהעלט,
און טונקל, פאַרגרויט אינדערוואָכן.
די שווערע מאַסע פון דאגות
האָט זיין נאַקן, זיין רוקן געבויגן,
געצוימט אים די טעג און די יאָרן,
מיט וואָלקנס זיין פנים פאַרצויגן.

אין פלודערן פראַסטע, די שטיוול אין ליים,
איך געדענק: ער פלעגט ברענגען
זיין אומעט אַהיים;
און ציילן פאַר גראָשן אויף די מאַזאָליעטע הענט,
און מורמלען דערביי אַזאַ אומעטיק ניגון—
צי וועט ער אויף שבת אַ פאַר גילדן נאָך קריגן?
קיין שמייכל, קיין פריילעכע מינע געווען—
פלעגן אומעטיק ווערן אויך די קינדערלעך צען.

ווען עס קומט ניט דער שבת,
איך וואָלט קיינמאָל ניט געוואוסט,
אַז דער טאַטע קאָן שמייכלען
און לאַכן מיט לוסט.
פון פריסטן פרימאָרגן
ביז שפעט אין דער נאַכט,
געהאָרעוועט, געפראַצעט,
געדייגעט, געטראַכט.

נאָר שבת ווערט וווייך זיין האַרט־וואָכיקער בליק,
זיין געבוייגענער רוקן גלייכט אויס זיך צוריק.
ווי אַ נס וואָלט געשען:
די באָרד ווערט אים רויטער און לענגער צעקעמט,
אַלע וואָכיקע דאגות פון אים ווי פאַרפרעמדט.
דער שבת צעבלויט זיינע ליכטיקע אויגן,
ווען ער האָט זיך אין דאַווענען, אין מזמור פאַרצויגן.
די יאַרמעלקע גלאַנצט אויף זיין קלאָר־הויכן שטערן;
אַך, ווי מיר ווילט זיך זאָל דער שבת געווערן!

אינעם שוואַרצן סורדוט, ברייט־פּלייציק און הויך;
עס האָט אים די מלכה פון שבת צעלויכט.
פון זיין לוסטיקן ברייטן גוט־שבת
האָט געדוכט זיך: די וועלט
איז אין פרייד און אין אחדות.
די מאַמע אין זייבער־געוואַשענעם קלייד,
מיט פּיצעלע קינד אויף די הענט,
דאַנקט גאָט, וואָס דער טאַטע איז פריילעכער היינט,
וואָס די וואָך איז מיט מזל אַוועק.

פרום איז דער קידוש איבער פריש־ווייסער חלה,
און דאָס ברעקעלע פלייש טיילט די מאַמע פאַר אַלע.
דער טאַטע אויבנאָן און די ליכט ברענען פריילעך.
אין שטיבל צעטראָגט זיך אַ שבתדיק ריח.
אַזוי ווערט מיין טאַטע געלייטערט,
ווען די שבת־רו גלעט אויס זיין פנים.
מיט רואיקע פינגער בלעטערט דעם ספר—
פון דערוואָכן פאַרשווינדן די האַרבע סמנים.

גאָט פון אַברהם

וועז די זון נעמט אום שבת אין מערב פאַרגיין,
און די מאַמע ביים פענצטער זאָגט „גאָט פון אַברהם";
וואָס שטילער איר קול, אַלץ טיפער איר פיין,
ווען דער ערשטער שטערן אין הימל צינדט אָן.

צו דער מאַמען זיך טוליען אירע קינדערלעך צען,
און דאָס קינד, וואָס איז נאָך ניט געבוירן.
אַ טרער אויף איר ברעם איז קיין נייעס ניט געווען,
אין געבעט — גאָט זאָל שענקען די יאָרן.

ווען מיין מאַמע פלעגט אויסזינגען „גאָט פון אַברהם"
איז דער שבת ווי אַ ליכט אויסגעגאַן.
אין שטיבל די שאָטנס — אַ טונקעלער שטראָם,
אָן אָנזאָג — די וואָך קומט שוין אָן.

איך זע אַלץ נאָך מיין מאַמען, איר אידל געשטאַלט,
איר פאַרפרומטן, פאַרהונגערטן לעבן.
שטענדיק דעם סידור אין דינער האַנט האַלט,
און בעט גאָט, אירע זינד איר פאַרגעבן...

זין מיינע צוויי

זין מיינע צוויי, מיינע אייגענע גלידער,
איר זייט דאָך שוין טאַטעס אַליין!
צוויי ליכטיק־דערוואַקסענע ברידער,
נאָר ביי מיר זייט איר גרויס און אויך קליין.

אַ מינוט קאָן אַמאָל אָן אייביקייט זיין,
און אַ רגע, דער גורל פון לעבן.
גיך איז די שעה פון קינדערשן חן,
און די יאָרן פון צאַרטע געוועבן.

זין מיינע צוויי, איז היינט גרינג מיין געמיט,
וואָס ריין אייער האַרץ איז ווי גאָלד,
וואָס גלייך אייער וועג איז און דרייסטע די טריט;
אזוי, מיינע זין, כ׳האָב געוואָלט!

פון זונליכט געשפונען חלומות פאַר אייך,
נאָר אַ שאָטן מיין וועג האָט געשפרייט.
דאַנק איך אייך, ליבע, וואָס איר האָט מיך באַרייכט,
אָט ווי איר זייט — מיך דערפרייט!

געגאַן אינם ווירוואַר פון כוואַליעקע צייטן,
געשטעלט זיך דעם שטורעם אַנטקעגן.
נאָר קיין רגע איך וואָלט איצט פון דאַן ניט פאַרבייטן:
פול איז געווען אונדזער לעבן!

געווען זיינען צייטן מיט ביסן מיט קאַרגן,
די הימלען מיט כמאַרעס פאַרצויגן;
בלויז איר זייט געווען מיינע ליכטיקע פאַרבן,
און די וואַרעמע זון אויף די אויגן.

און איצט, אַז פון אייך גייט אויף נייער דור,
ווי די לויטערע, זויבערע שטערן,
איז גוט וואָס פון ליכטיקן חלום איז וואָר—
אָ, זאָלן די דורות זיך מערן!

און גיין אויפן וועג פון גרויסן באַגינען,
וואו שלום די וועלט זאָל באַלייכטן;
אין אמת דעם גאָלדענעם אויסוועג געפינען,
זאָל יושר אייער לעבן באַרייכן.

אָ, זין מיינע צוויי, און צוויי האַרציקע טעכטער,
מיך וואַרעמט דאָס ליכט אַרום אייך!
אין מיינע שפּעטיקע שעהן, איר וועט זיין מיינע וועכטער—
איז קיין גליק צו מיין גליק גאָרניט גלייך!

פשטות

ווער עס וויל מיט זיין גרויס דיך פאַרשטעלן פון זון,
ווער ס׳פאַרקוקט זיך פון דיר אין אַ זייט,
דער גייט ווי אַ שאָטן באַזונדער, אַליין,
און גיך ווי דער שאָטן פאַרגייט.

ווער עס וויקלט זיך איין אין אייגענער גאווה,
מיט אויגן פאַרריסן צום שפּיץ פונעם באַרג;
זיין קאָפּ איז ווי גומי צעבלאָזן,
און כבוד און לויב איז אים אַלעמאָל קאַרג.

צעלאַכט זיך די פּשטות אין זיין פאַררייסענעם פּנים,
... די ערד ליגט פון אונטן, און מיט אוצרות איז רייך.
און ווער איז דען שענער, צי קליגער פון לבנה? —
נאָר זי שמייכלט צו יעדן גלייך.

גאווה: אַ בלום אַ פאַרוועלקטע אין לאַץ,
פּוסט, ווי קאַלט־ווינטיקער בלאָז,
ווייט פון דעם וואַרעמען מענטשלעכן שטראָם,
וואָס אייביקט, ווי וואָרצל פון גראָז.

אָבער דער וואָס פאַרקוקט ניט און גערן דערקענט,
האָבן גאָלדענע שטראַלן זיינע אויגן געבענטשט;
ניט ער נידערט אַראָפּ, נאָר צו זיך ער דערהויבט,
און באַלייכט דיר דעם וועג מיטן ליכט פונעם מענטש.

זיין וואָרט, ווי פון נביא דער אָנזאָג:
מיט ליבשאַפט נאָר גיין קאָנסטו פאָרויס!
ער צעוויקלט דעם פּלאָנטער פון פּשוטן לעבן —
מענטש אין זיין פּשטות איז גרויס.

גערֲאנגל

הענט

הענט מיינע, אייך אין כלערליי וואסערן געבאָדן,
אייך מיט ליכטיקער פרייד און מיט משא געלאָדן.

אין צעצויגענע שעהן, אין בליץ-שנעלע טעג,
איך פאַרטרוי אייך מיין שענסטן, מיין בעסטן פאַרמעג.

איר שאַפט די חיונה מיט מי פאַר געזינד;
איר צערטלט, איר קאַרמעט מיט ליבע דאָס קינד.

איר באַגילדט מיר דעם טאָג און באַזילבערט די נאַכט,
ווי די גוטע מלאָכים איר היילט און באַוואַכט.

הענט מיינע צוויי,
איר טראָגט מיט אַחריות אי נחת, אי וויי.

איר ווייסט ניט פון רו, כל זמן נאָר איר קענט,
מיט ערלעכער פראַצע מיין לעבן איר שמ'ט.

די שווערסטע משא פאַר אייך איז געווען:
ווען ס'האָט וועלט אייך מיט חוצפה פאַרזען.

ווען ריגל און שלאָס די פאַבריק האָט פאַרמאַכט,
ווען אַ טיר האָט זיך פרעך אייך אין פנים צעלאַכט.

גערויבט אייער ניצלעכע טעגלעכע פרייד:
צו באַקן דאָס ברויט, צו נייען דאָס קלייד;

צו טיילן חלקים מיט היים-פולער האַנט,
ווי די זון גיסט איר גאָלד אויף צעאַקערטן לאַנד.

און ווען קינדערשער הונגער צעטרייסלט דעם באָדן,
דאַן ווערט פון אייך פּויסטן, ווי מיט שראָט אָנגעלאָדן!

איר זייט ניט געלעגן פאַרדאגהט אין שוים,
מיט הענט, מיט מיליאָנען געטראָגן פאָרוים —

די פאָן, וואָס צעפלאַקערט די פלאַמען פון מאָנען;
די פאָן, וואָס דערמאָנט אייער כוח דערקאָנען.

אויף אייך, מיינע הענט, צייל איך אוים מיינע טעג;
איר גלעט און גלייכט אוים דעם פאַרפלאָנטערטן וועג.

מיט פולינקער האַנט ווילט איר טיילן דאָס ברויט.
איר צינדט אָן דאָס לעבן, איר ברענט אוים די נויט.

ווען מוטלאָז עס לאָזן אַראָפּ זיך די הענט —
ווערט מענטש פונעם אייגענעם לעבן פאַרפרעמדט.

אָבער איר, מיינע הענט, האָט מיר ערלעך געדינט,
אין שאַפן און בויען, רו איר געפינט.

ווי די ליכטיקע טויבן, ווען איר וועט פאַרגיין,
וועט נאָך אַלץ פון אייער מי דאָ שיינקייט באַשטיין.

מיין דאַנק אייך, מיין ברכה פאַר זיין אַזוי ריין;
זאָלט איר קיינמאָל, מיינע ליבע, ליידיק ניט גיין!

מיינע שוועסטער

מיינע שוועסטער, ווי דימענטן לויכטן
דורך דורותדיקן חושך פון דער וועלט.
קעגן שאַרפער שווערד פון שונא
האָט מיין שוועסטער חנה זיך געשטעלט.

אירע זיבן זין, ווי זיבן זונען, אויפן מזבח געבראַכט,
מיט איר צעפליקט האַרץ צוזאַמען.
איר וואונדיק וויי פאַראַן נאָך איצט
אין טרער פון יעדער מאַמען.

אָ, שוועסטער מיינע! דו ציסט דעם פאָדעם
פון דבורהן און חנהן, פון מרימס געזאַנג;
אַזויפיל פערל־נעמען צו דערמאָנען,
אַזויפיל לויטערקייט אין לעבנס־גאַנג.

אין אַלע עקן וועלט האָסטו געפלאַנצט
רויזן רויטע, מיט דיין מאַרטירער בלוט,
און דאָרט וואו ס'לעבן ווערט דערגאַנצט,
איז אָטעמען דיר גוט.

האָסט אַראָפגעריסן וואואַלן טונקעלע פון פנים
און די קייטן פונעם טראָט.
אויגן ווייט צעעפנט צו דעם ליכט פון וואָרט.
שמאָלע וועגן — ברייטער און זוניקער געמאַכט,
מיטן מאַן קעגן קריג פאַרנעמסט אַ גלייכן אָרט.

דער וועג איז נאָך אַלץ מיט פולווער געלאָדן,
עס שאַרפט די שווערד איבער דיין היים.
ציסטו דעם גאָלדענעם שנור פון די דורות —
וואָר זאָל ווערן פון שלום־טרוים!

ניינצן פינף און פופציק

(צו דער צען יאָריקער פייערונג פון „יר־ען")

דו ביסט דער לעצטער פון צען
און דער ערשטער פון אַ נייער עפּאָכע.
צען יאָריקער געבורט פון „יו־ען"
און פרידנס ערשטע ברכה.

צען יאָר אַן אַטאָמישע קללה געהאנגען
שווער איבער מענטשלעכע קעפּ;
רעכט איז אין שטויבן פאַרגאַנגען,
מענטשן געוויקלט אין שרעק.

טראָגסט די וואונדן פון מעקאַרטישע יאָרן,
געשיכטע פאַרקריצט האָט די שאַנד.
נאָר אין דיר איז זשענעווע געבוירן,
ליכט איבער נאַכטיקן ראַנד.

באַרירט האָסט פון פרײַנטשאַפט דעם חלום,
עס לייטערט דער טונקעלער היינט;
באַקליידט דיך מיט ווערטער פון שלום,
ווי זון־ליכט, וואָס שטראַלט און באַשיינט.

דיין מוטיקער טראָט

איז וואָס, ליבע שוועסטער, אַז מיין הויט איז ווייס
און דיין הויט ברוין אָדער שוואַרץ?
אַז רויט איז דאָס קאָכיקע בלוט,
וואָס פליסט אין מיין און דיין האַרץ.

און בלוטיק־רויט איז מיין אָנדענק
פון אַלטן צאַרישן לאַנד;
מיך, ווי דיך, פון די שולן געטריבן,
„איד" איז געווען „מיין שאַנד."

מיין שטאַם, אויך ווי דיין שטאַם,
אין די פייערן פון קנעכטשאַפט געברענט.
דורך די גיהנומס זיך געשטאַרקט און געמערט —
און דעם אייגענעם כוח דערקענט.

איז מיר באַקאַנט יעדער שטיין,
וואָס פליט אין דיין קאָפּ;
איז מיר טייער דיין מוטיקער טראָט,
און ליב, וואָס דו קניסט ניט אַראָפּ.

דאָס וואָרט „אָפּגעזונדערט" מעקסט־אָפּ מיט דיין טראָט,
ראַמסט ווי מיסט אונדזער „שטייגער לעבן".
דיין פייער ברענט אוים די זומפּן פון לאַנד,
דיין בלוט אויך פאַר מיר טוסטו געבן.

איז ליב מיר דיין פּנים, פאַרברוינט פון דער זון;
דיין קול קלינגט: איך בין און איך קאָן!
בימט דער ברענענדער פאַקל, וואָס לויכט אויפן וועג
פון לינקאָלנס צעפלאַטערטער פאָן!

מאַמע

מאַמע, פון דיין נשמה, ליבשאַפט און פּיין.
קוואַלן וואָס פליסן אין לעבן אַריין.
ווען דאָס צאַפּלדיק לעבן
צעבליט זיך אין דיר —
דו שוועבסט, ווי אויף פליגלען,
צו זוניקע הויכן,
דורך נאָך ניט געבוירענעם
די אייביקייט גרייכן.

ווען הענטעלעך גלעטן די מאַמעשע ברוסט,
און ליפּעלעך זויגן מיט רו —
מאַמע, ווער איז צו דיר גלייך?!
די לויטערסטע פרייד פון דער פרוי,
חלומות, ווי גאָלדענע פעדים דו וועבסט:
דערפירן דיין קינד צו זיין גליק . . .
די ליבשאַפט פאַרגיטיקט די מי,
אין שפּאַן אויף צעוואַקלטן בריק.

וואַקסט אונטער דיין קינד,
צעבליט איז דיין פעלד.
עס צעוואַקסט זיך דער זוניקער שניט,
די פרוכט פון לאַנגיאָריקער מי.
עס גייט דיין קינד שוין
מיט „זיכערע טריט".
נאָר ווען שטורעמס צעוויגן דעם דרויסן,
און דיין קינד ווערט אין שלאַכטן געשטויסן,

אַ, מאַמע! פאַרשווייג ניט דיין וויי!
צעטראָגן דיין שטים זאָל זיך ווייט!
גיב דיין וואָרט
און דיין מאַמעשע ליבשאַפט,
פאַר שלום און פרייד,
פאַר גליק, קעגן קריג,
פאַר דעם מענטשן,
וואָס וואַקסט אויס פון דיין וויג!

אַ היים

אַ היים, דער סאַמע אינהאַלט פון זיין.
טעמפּל פון לעבן,
מען בויט עס מיט שוויים,
מיט ליבשאַפט און ציטער,
מען פוצט און מען ראַמט,
אַ ווינקל פאַר אַלעם, פאַר יעדן אַן אָרט;
היים, איז פון האַרץ
דאָס צעפליגלטע וואָרט.

אַ שטוב ווערט אַ היים,
ווען מענטש זי באַשיינט
מיט ליבע און האָפן,
מיט טרוים און מיט שאַפן,
וואו רו דיך באַגעגנט
נאָך אַרבעט נאָך שווערער,
וואו רחבותדיק שפּרייטסטו
דיין פרייד און דיין טרויער.

אין היים,
קאָנסט צו זוניקע הויכן דערגרייכן,
אין לערע פּאַרטיפן,
דאָס לעבן באַרייכן,
מיט ליבע זיך פּאָרן
אין טאָג דעם צעהעלטן,
אין היים, קאָנסטו בויען
די ליכטיקסטע וועלטן.

צום קלוב עס באַציט זיך,
לאָקאַל, אָדער צענטער —
אַלץ איינס, ס'איז אַ היים!
נאָר געבויט ווערט צוזאַמען,
צוזאַמען מיינט גבורה, גיט יעדער זיין אַקסל,
ס'וויל יעדער אַ טייל זיין
אין בויען, צעהעלן,
ווייל די היים וועט אין דינסט
דעם פרידן זיך שטעלן.

ווי פלאַנצן, צעשפּרייטן זיך
פּלענער, געדאַנקען.
זאָל דער אמת ניט ליגן אין קייטן געפאַנגען.
ווערטער דאָ פאַלן ווי זוניקע שטראַלן,
טוער און שרייבער, קינסטלער, פּאָעטן,
פון נאַקעטן לעבן זיי מאָלן פּאָרטרעטן.
טעמפּל פון שלום, פרייהייט-קולטור,
דאָ ציט מען, פון ראַסן דערוואַכטע, דעם שנור.

דאָ שלאָגן די הערצער
פאַר ערלעכן לעבן,
פאַר פרידן וויל יעדער
צושטייער דאָ געבן.

העל איז דער זאַל באַלויכטן פון מענטשן,
פרייד איז נאָר פרייד,
ווען מען טיילט זיך מיט יעדן.
עס טראָגן זיך וואונטשן
אויף זוניקע פליגלען,
צו ווייטע און נאָענטע ברעגן.
שלום זאָל איפּגיין זיכער און העל,
ווי אין מזרח, פרימאָרגן די זון,
מיט פרייהייט די היימען באַשיינען,
מיט ליבע, די וועלט אומעטום.

די מאַמע שווייגט

שווייגנדיק שווייגט אוים איר צער,
און שווייגנדיק זי וויינט.
אַ מאַמעס טרער, ווי האַרטער שראָט,
עס איז אַלץ אין איר פאַרשטיינט.

באַרירט איר קינדס אַ בילד
מיט ציטערנדיקע הענט.
זיינע לאַכנדיקע אויגן
לויכטן אויף די שטומע ווענט.

וואַנדערט זי פון בילד צו בילד,
ווי אין מדבר איינע אַליין,
ווי אַ דאָרן שטאַרצט זיין „יוניפאָרם" —
און אָט אַ קינד, וואָס הויבט אָן גיין.

נאָר שעהן שטייט זי ביי איין בילד:
זיין פידל אויף זיין אַקסל,
זיין גאָלדענער קאָפּ פאַרשאַרט,
אויגן — שטיקער הימל,
מיט יונגער ליבע צאַרט.

... אַ ליכטיק פול-געפאַקטער זאַל,
זיין פידעלע — איר האַרץ.
אין יעדן טאָן לויכט אויף איר גליק —
מיט שטאָלץ איז איבערפילט איר בליק:

אָ, זעט נאָר מיין געראָטן קינד!
מיין מתנה צו דער וועלט!
פרייד, געגנום אין יעדן פיר
פון זיינע פלינקע פינגער־ריר.

העל און וואַרעם, ווי די זון,
אַ בליענדיקער בוים;
פאַר יעדן צו געניסן,
פאַר מיר אַ ליכטיק-היים.

נאָר דאָס בילד אין „יוניפאָרם"
זאָגט עדות, אַז ניט מער
וועלן זיינע אויגן לויכטן ווי די זון,
און די טענער קלינגען העל...

שווייגט די מאַמע אויס איר צער,
ווי צוגעשמידט צום בילד.
אויגן ווי די גלעזער שטום —
איר לעבן ערגעץ ווייט מיט אים
איז טויט, אין טויטן פעלד.

דאָ בין איך איבערגעבוירן

האָסט איינגעזאַפּט, אַמעריקע, אַ יוגנט,
ווי די ערד זאַפּט איין שטראַלן פון זון,
ווי טייכן צו ימען זיך ציען,
האָבן מענטשן, ווי כוואַליעס, געשטראָמט צו דיין רום.

מיט אַלטע און נייע קולטור־באַגאַזשן,
געפּעק פול מיט יונגע חלומות געפירט.
דאָרט וואו געהערשט האָט דער שאָטן,
פון דאָרטן געבראַכט דיר דאָס ניי־אויפגעגאַנגענע ליכט.

צווישן שטעכיקע דערנער געוואָקסן
קינדער צעזונטע צעבליטע, ווי בלומען.
האָבן טאַטעס פאַרמשכנט די קישנס,
האָבן מאַמעס די טרערן פאַרנומען,

און געשיקט אונדז מיט ליבע און ברכות,
מיט בענקשאַפט און האָפן, מיט אַלץ וואָס מיר האָבן.
פון שטורעם געשטאַרקט און געלייטערט,
און צום גאָלדענעם לאַנד זיך דערטראָגן.

איז דאָ בין איך איבערגעבוירן
אין דיין פיל־שפּראַכיקן לעבן דיין פולן.
דו האָסט מיין יונגע פּראַצע פאַרנומען,
און איך—דיינע פרייע, ליכטיקע שולן.

נאָר די אָפענע שולן, די זוניקע וועגן,
ווי אַ וואַנט האָט דיין „סוועט־שאָפּ" פאַרשטעלט;
איך ווער ווי אַ רעדל אין בוי פון אַ יוניאָן,
און דיין לעבן געשענערט, געבויט און געהעלט.

זיך פֿאַרקניפּט מיט דיין וואוקס, מיט דיין גרינעם פֿאַרזיי,
און געוואַקסן מיט דיר בין איך גלייך;
זיך טיף אין דיין לעבן געוואָרצלט —
מיר האָבן איינער דעם צווייטן באַרייכט.

גליק איז אין געבן און נעמען,
אין שאַפֿן געשטאַרקט ווערן הענט.
מיין דורשטיקע בענקשאַפֿט פֿאַרוואַנדלט אין ליבע
צו דיר און צו מיינע פיר ווענט.

נאָר אַט ווערט דיין הימל פֿאַרטונקלט,
דיין פּאָן אונטער פֿוס דו צעטרעטסט,
דיינע אייגענע קינדער, פֿרעמדע רופֿסטו אַן,
דיינע שעפער הינטער גראַטעס פֿאַרזעצט.

מיך ווילסטו פֿאַרטרייבן, פֿאַרשטויסן,
בין איך דאָך פֿון שטורעם אַרויס!
דיין פּאָן וויל איך העכער נאָך הויבן,
נאָר מיט דיין אומרעכט פֿאַרמעסט איך זיך גרויס!

אין פאַרמעסט מיטן לעבן

איך גיי אין פאַרמעסט מיט דיר, לעבן!
וואו נאָר איך קום דינסטו מיר צו;
דעם טויט אין די הענט ווילסט מיר געבן,
נאָר מיין טיר פאַר דיר מאַכט זיך ניט צו.

אַט פלאַטערט מיר אויף דיינס אַ שמייכל,
נאָר פול איז מיט ווייטיק דיין פּאַק;
אַט בליצט אויף דיין לויטערער שכל,
אַט שאַרפסטו די טומפּיקע האַק.

צעהעלסט מיר אַ טאָג פול מיט ליבע,
איך טרינק פון דיין קוואַליקן זאַפט.
ווער קאָן ציילן די טעג דיינע טריבע?
פאַר איין שטראַל — טויזנט כמאַרעס דו שאַפסט.

ניט גרינג זיך מיט דיר צו פאַרמעסטן,
נאָך שווערער פון דיר זיך אָפּקערן.
דיין לאַסט וואָס וועגט איבער אַמשווערסטן,
וועל מיט פאַרעקשנטן ווילן צעשטערן.

דו ווייסט גוט, אַז ליב האָב איך דיך נאָר!
אַז פאַר דיר נאָר, איך שלאָג זיך ביז בלוט.
און שלאָגן זיך שטאַרקער איך וועל נאָך,
ביז לעבן מיט מיר ועסטו גוט!

פאַרשווייג איך

פאַרשווייג איך אַ ווילדן צעיושעטן המון,
וואָס רודפט שוואַרצהויטיקע ברידער—
ווען אין אומעט מיין לעבן פאַרגיין,
אויב אומרעכט איז מיר ניט דערווידער!

פאַרזע איך אַ „פּיקסקיל”, אַ סיסעראָ־מאָב”,
מיטן סם, וואָס פון האַרצן זיך שפּרייט,
אויב קיין פלוך אויפן ראַסן־האַס איך טראָג—
איז מיין לעבן מיט ליגן באַקליידט.

בין איך טויב צום געוויין פון „מעקגים” אַ קינד,
און עס צינדט אין מיין האַרצן קיין פלאַם;
אויב איך פיל ניט דעם שווידער פון זינד—
דאַן פאַרראַט איך מיין אייגענעם שטאַם!

איך זע אינעם שייטער פאַר נעגער
דעם פלאַם, וואָס האָט מיין שוועסטער פאַרברענט!
סיי אין דראַטענעם טויט־שטול, סיי אין לינטשן,
מיין אייגענעם בראָך כ׳האָב דערקענט!

פאַרדעק איך, פאַרזע איך די ביטערע שנאה,
צעשפּרייט איך די צעאייטערטע וואונד!
ווען היים־לעבן פון תליות צערינען
פאַרשווייג איך— דאַן טראַג איך פון אומרעכט די זינד!

לייד און פרייד

לייד און פרייד אין אייביקן געיעג.
קומט איינע מיר צוגאַסט,
איילט די צווייטע אויפן וועג.

ביידע רויבן מיר דעם שלאָף
ביזן ראָזעווען פאַרטאָג;
איינע ליכטיקט מיר די נאַכט,
די צווייטע שוואַרצט דעם טאָג.

ווערט אַ ליד ביי מיר געבוירן,
רויבט די פרייד מיין רו,
זי צעזינגט זיך אין מיין בלוט
און שטעלט אַן אויער צו.

צי אַ וואָרט פון פרידן כ׳הער,
צי ערגעץ שפּאַלט די נאַכט,
איז פרייד מיין זיסער וואָך־געטראַנק
פון ליבשאַפטן געמאַכט.

זי וועקט און רופט אין מיר געזאַנג,
ווי פויגל גרינג און פריי;
זי וויקלט מיך אין בלויען זייד,
נאָר באַלד לויפט אַליץ פאַרביי.

די טאָג-נייעס אויף דער ראַדיאָ
ברילט און סמט די לופט;
ווערטער, פייל פון בויגן,
צו אַלדאָס בייזע רופט!

מיינע ברידער, שוועסטער, היינט פאַרשפּאַרט.
זיך וואונדערן די גראָבע ווענט:
ווער וועמען משפּטן וועט דאָ?
ווער האָט קאַלטן פלאַם צעברענט?

מיט חוצפּה לאַכט די ווילדע שרעק:
קיין פרייען וואָרט דערמאָן!
מיטן ליגן, ווי מיט פייכטער בייטש,
מענטש רייצט מענטשן אָן.

בייזע ווינטן בלאָזן, רייסן,
אָט באַלד דער הימל פאַלט אַראָפּ;
ווערט שוועסטער־לייד צו מיר געטריי
און טרעט פון מיר ניט אָפּ.

גייען לייד און פרייד נאָך מיינע טריט,
אין שאָטן און אין זון;
ביידע נעמען מיך אַרום —
מיט לייד און פרייד איך קום.

עמעט לואיס טיל

מיט יינגלשן אימפעט, מיט וואונדער אין האַרץ,
מיט ליכטיקן חלום אין זיין קינדערשער וועלט,
ווי אַ פלאַנץ, וואָס פאַרנויגט זיך צו זון,
ווי יונגער הירש, וואָס יאָגט זיך אין פעלד.

אַ פריילעכער פייף, אַ זוניקער בליק;
אַ, ווער קאָן עס אַזעלכעס צעשטערן ?
אייביק וועט שרייען זיין בלוט
פון פינצטערער ערד צו די שטערן!

אַ באַטריבטער פליסט „טעלעהעטשיפי" טייך,
דער קרבן אין זיך נאָך באַהאַלטן;
און אַט אַנטפּלעקט ער דעם שוידער—דער וועלט אַ מתנה,
דאָס אומרעכט קאָן הימלען צעשפּאַלטן.

... דער קינדערשער שאַרבן, ווי טרויבן צעקוועטשט,
זיין גוף—אַ קנויל פאַרגליווערט בלוט;
ווי טרעבלינקעס גרויליקער לאַגער,
צעגליט מיסיסיפּי ראַסיסטישע רוט.

די מערדער באַפרייטע, אין וויסטיקן פלאַנטער,
אין אייגענעם חושך פאַרשפּאַרט.
די ווייסע הויט איז דער „יושר" פון ריכטער,
עס שרייט קעגן מענטש דער פאַרראַט!

דאָס קול פון פאַרפייניקטן קינד,
די ווינטן אין שטורעם צעטראָגן;
זיי צופּן און רייסן די פינצטערע נאַכט,
פון לעבן די געשפּענסטער פאַריאָגן.

עטל און דזשוליום

אין ברויזיקע פלאַמען צעפלאַקערט דעם ליגן,
כּדי גרויל זאָל ווערן געזעצט!
צוויי ליכטיקע לעבנס אויסלעשן,
צו באַפעסטיקן פינצטערע וועלט.
אָ, ווי לאַנג קאָן אומרעכט
גערעכטיקייט זיין?
דער גרויזאַמער ליגן שמייסט יעדן אין פּנים;
און ווער נאָר עס גלויבט
טראָגט די שאַנד און פון בלוט די סימנים.

גערעכט-הויז —„הארץ פון יושר און רעכט"—
האָט אויגן און אויער פאַרמאַכט,
בלאָזט אויף דעם שטורעם, שפּרייט אויס די נאַכט,
איז הפקר די בלוטיקע טרער
פון דזשוליום און עטל, פון די יינגעלעך צוויי,
דעם הימל צערייסט זייער ווי.
יעדע רגע אין טויטן-הויז — אַ גליאיקער פונק,
וואָס צעבלאָזט זיך אין וועלט, צינדט אָן יעדנס הארץ;
אויסברענען מוז עס די נאַכט!

אַ בלייכער שטראַל פון האָפן
אין טויטן־קאַמער זיך שפּרייט:
דער פּויפּסט, די רבנים, די ערלעכע דענקער,
די ליכטיקע זיילן קעגן פינצטערער וואַנט;

און דער רוף פון מיליאָנען
אין וועלטן צעטראָגט,
די גייסטער פון בילבול פאַרשטומען.
נאָר די הענקער אַלץ ווילדער ברילן און ברומען;
פאַר זיי איז דער אמת אַנטרונען!

און עס טראָגט זיך פון צעל
עטלם צאַרט, מאַמעדיק ניגון,
ווי זי וואָלט אין איר שוים
אירע קינדערלעך וויגן.
און איר וואָרט —
וועלטס געוויסן דערוועקן, דערמאָנען,
אַז דער חלף, וואָס שאַרפט איבער זייערע קעפּ,
איז דער חלף, וואָס שאַרפט
איבער יושר און אמת!

דער פרייטיק פון טרויער

שוואַרץ ברענט היינט יעדערנס ליכט,
מענטש קאָן זיין תיקון ניט געפינען;
די גערעכטיקייט צו שחיטה געפירט —
ווי קאָן דער פרייטיק פון טרויער צו שבת־רו קומען?

די זון האָט געשיקט אירע לעצטע גאָלד־פאַרבן,
געזאָלט האָט דער טאָג זיך אין יום־טוב אָנטאָן;
אָבער היינט איז דער שבת געבוירן פאַר שטאַרבן,
איז אין חושך און טרויער די וועלט אָנגעטאָן.

האָט דער פרייטיק צוויי לויכטנדיקע ליכט אויסגעלאָשן,
אין הערצער פיל ווייטיק און צאָרן געצונדן;
ס'האָט די זון זיך פון וועלט אָפּגעשלאָסן,
אין פינצטערניש ברענען די גרויליקע וואונדן.

די מערדער, זיי האָבן געיאָגט און געאײַלט —
. . . מען טאָר מחלל שבת ניט זיין!
זייער בלוט אין די אָדערן פוילט,
זייער האַרץ, אַ פאַרגליווערטער שטיין.

אפילו דער טויט האָט מיט ביטול געקוקט
אויפן שקר מיט בלוטיקע הענט;
ווי אַ הונגעריקע חיה, די צוויי לעבנס פאַרצוקט,
און די גערעכטיקייט ביטער פאַרשעמט.

עס קלייבן זיך מענטשן פון טרויער פאַרשטיינערט
אין גאַסן, אין הייזער, אין דער גאַנצענער וועלט;
מען רעדט פון צוויי קינדער, עס קריצן די ציינער,
עס רייסט זיך דאָס וואָרט, וואָס אומרעכט פאַרשעלט!

סטרייק

מיט געמאָסטענע טריט, הין און צוריק,
די סטרייקערס מיט ליידיקע הענט;
די פּלאַקאַטן אין לופטן דערציילן, דערמאָנען:
אין פאַבריק ווערט די אַרבעט פון סקעב-הענט פאַרשעמט.

די זון אין פרימאָרגן אַ יונגע, אַ מילדע,
באַגריסט זיי און זאָגט צו אַ זיג.
עס דערטראָגט זיך אַ ניגון, אָט זינגען שוין אַלע,
קיין סימן פון שרעק ניט פון קריג.

מען גלייכט אויס די רוקנס אין טראָט דעם גערעכטן,
נאָר באַלעבאָס נעבעך דרייט זיך אין דרייען;
לויפט אום אַ צעררייצטער, אים ברענען פאַרדרוסן:
די אַרבעט פון סקעבס, זיינע ווייען.

די הענט ניט געניטע שאַפן פאַרלוסטן,
פאַרפּלאָנטערט זיך ברעכן און וויינען מאַשינען.
האָט באַלעבאָס שוין די נעגל צעביסן —
עס מאַכט אים בדלות די יוניאָן.

— ... פינף טעג שוין אָוועק אָן פּראָפיטן!
הייזעריק, גרין איז זיין צאָרן;
די „פּיקעטס”—אַ וואַנט אים אַ שווערע,
אָבער שווערער פון אַלץ נאָך, וואָס ער האָט פאַרלוירן.

מיר אַמעריקאַנער

עס איז שווער מיט אַ דירה אפילו זיך שיידן,
מיט לאַנג אויסגעזעסענעם שטול, אָדער טיש,
וואו שיינע יום-טובים, שבתים מען פּראַוועט,
און די וואָכיקע טעג גייען אויך ניט צונישט.

קיינער פאַרלאָזט ניט אַ היים אָן אַ טרער,
און קיינער קומט אַהיים ניט אָן פרײדן.
בענקשאַפט — צעשטורעמטע, זודיקע כוואַליעס,
ווי מיט זיך, איז מיט היים זיך צו שיידן.

איבער פיר צענדליק יאָר אויף דיין באָדן געטרוימט,
זיך צעצווייגט און צעגרינט ווי אַ בוים,
אין דיין זון זיך געוואָרעמט, אין דיין שטורעם געברענט,
כאָטש דאָ ניט געבוירן, אָבער דאָ איז מיין היים.

וואו ליידן און פרײדן וועבן די טעג,
דאָרט ווערסטו מיט אייביקע פעדים פאַרבונדן.
ווי אַ שוואָם איינגעזאַפּט דיינע מידות, מנהגים,
נאָר דעפּאָרטאַציע-שאַנד האָט מיין כעס אָנגעצונדן!

דאָרט וואו דו שאַפסט און בויסט מיט דיין מי,
דיין איך ווערט פאַרבויט אין דעם בנין;
מען קאָן ניט צעריסן אַ מענטשן אויף צוויי,
און זאָגן דער וועלט: ס'האָט אַ זינען.

מען קאָן ניט אויסצופן, ווי אַ גרעזל פון גאָרטן,
אַ גליד פון פאַרצווייגטער משפּחה;
די וועלט איז ניט הפקר צו צאָלן מיט שטיינער,
פאַר געבן דיר לאַנד מיינס מיין ברכה.

פון מיין לייב דיר געגעבן ליכטיקע דורות,
אַמעריקאַנער, וואָס היטן אָפּ דיינע שיינע געבאָטן:
פאַר קיינעם דעם קאָפּ און קני ניט בויגן,
פון קיינעם ניט לאָזן זיך ווערן צעטראָטן.

און ווען דער פינצטערער כוח געברענט האָט די וועלט —
ווער האָט דיך פון שונא באַוואַכט?
מיר זיינען דיין קראַפט, וואָס שטאַרקט דיינע הענט,
און דו האָסט זיך פרעך אונדז אין פּנים צעלאַכט!

וועג איך און מעסט דעם ביטראָג און ליבשאַפט,
וואָס מיר האָבן ברייט אויף דיין רחבות געשפּרייט.
מיר אַמעריקאַנער: דיינע שטרייפן און שטערן,
דיין בויאונג, דיין בליאונג, דיין לייד און דיין פרייד.

קאַלטע מלחמה

ליגט מיין לאַנד אין פיבער־צונד,
צעגליט אין גאָלד און שטאָל,
פאַרסמטע צינגער לעקן רויע וואונד,
און מענטש, ווי ווילדע חיה, רעוועט אויפן קול.

שפּרייט מען האַס, ווי אײַטערדיקע קרעץ,
אויף ליפּן ברענט דאָס שרעק־וואָרט: „רויט"!
פאַרוואָרלאָזט ליגן רעכטן פון געזעץ,
פריי איז בלויז דאָס וואָרט פון אַטאָם־טויט.

און ווער פון פרייהייט רעדט—אין קייטן ווערט געשמידט.
שלום איז דאָס וואָרט פון די „פאַרדאַמטע".
אַ ניי־פרנסה: מוסרים — פון קאַלטן פייער אויסגעבריט,
פון אמת זיי אַנטלויפן ווי פאַרסמטע.

„טי ווי" געריכט־פאַראַדן, אין קייטן די „פאַרברעכער",
וואָס טראָגן נאָר גערעכטיקייט אַ האָר.
די מעקקאַרטים גיסן סם איבערפול די בעכער,
ס'האַלט זיך ביי די זייטן פאַר געלעכטער דער שוואַרץ־יאָר.

פון נעכטן גוטער שכן האַלט זיין אויער ביי דיין טיר,
אַ בוך, אַ בייזער עדות איז געוואָרן.
האָסט אויף אימיצן אַ כעס, מיט רויטן גיב אַ שמיר;
יעדע שעה, אַ נייער שרץ ווערט געבוירן!

אַן אייגן קינד פאַרמסרט אויפן טאַטן,
אַ בוזעם־פריינט מיט ווילדן קול פאַרשרייט;
עס ציט דער שוואַרצער שנור איבער אַלע שטאַטן—
אַכזריות האָט ווי פייער זיך צעשפּרייט.

אַ, מלחמה קאַלטע! פלאַמען־פּראַסט צעווייעטע,
אין יעדער היים די פריידן אויסגעברענט.
עס ליגן „איטש און אַטאָם" פאַר מלחמה אָנגעגרייטע
און שרייען: לאָזט צעפירן היים די הענט!

רעשטלעך סם

דאַכט זיך פאַרדישעט די גיפטיקע שלאַנג,
וואָס געברענט האָט דעם מענטש און געשלונגען די וועלט,
די פרייהייט געהאַלטן אין פינצטערן צוואַנג,
און דעם ייִד פון לעבן אויסוואָרצלען געוואָלט.

יענער סמ'יקער קוואַל, וואָס געפלאָסן איז פריי,
און געבושעוועט אָפן און העסלעך;
דאַכט זיך פאַרדישעט די חיה מיט בליי,
נאָר עס ליגן באַהאַלטן נאָך רעשטלעך.

גענערט פון דעם אייגענעם סמ'יקן שוים,
מיט האָס זייער האַרץ אָנגעצונדן;
קעגן ליכט פון באַפרייאונג, אַ פינצטערער טרוים,
פון מוחות פון קראַנקע די וואונדן.

ווי די שטשורעס פון לעבער אין נאַכטיקן וואַנדער,
זייער פלאַג, זייער סוואַסטיקע שמירן אויף ווענט.
פון לעבן דער אָפּפאַל, פון לעבן די שענדער,
זיי ווערן אין אייגענעם פייער פאַרברענט.

יענע פינצטערע נאַכט

(צו דער אויפריכטיקער טעלעוויזיע־בילד
וועגן סאַקאָ־וואַנזעטי)

די ניט־פאַרגעסענע בילדער אויף טעלעוויזיע איך זע,
בלוטיקט ווידער מיין האַרץ היינט פאַר זיי.
כ'האָב דאַן געזען ווי דער שייטער האָט מיט צאָרן געברענט
פאַר סאַקאָ און וואַנזעטי, די העלדישע צוויי.

פון די צעשטורעמטע יאָרן, פון יענע ברוזיקע טעג,
לעבט נאָך היינט אין געראַנגל יענע פלאַמיקע נאַכט.
... מיט שוואַרצן טרויער אַרום „טשאַרלסטאָן פריזאָן",
האָבן טויזנטער מענטשן אין אַנגסטן געוואַרט.

האָבן פויסטן מיליאָנען, געביילט און געמאָנט:
די צוויי ערלעכע לעבנס ניט פאַרלעשן!
נאָר אין לאַנד האָבן שלאַנגען געיושעט, גע'סמ'ט,
און פון יושר דאָס האַרץ אויפגעפרעסן.

געוויינט האָבן מענטשן, געוויינט האָט די נאַכט,
ניט פאַרזוכט האָט דאַן קיינער דעם שלאָף.
און ווער ס'האָט געוואַגט גערעכטיקייט מאָנען,
ווערט פון די היטער פון ליגן באַשטראָפט.

האָט מען פילע פון אונדז הינטער גראַטעס פאַרשפאַרט,
און די וועלט האָט געברענט יענע נאַכט;
איז צוויי־און־צוואַנציקסטער אווגוסט, אַ גליאיקער פלאַם,
וואָס שמידט קעגן אומרעכט אַ הייליקע מאַכט.

היינט ווייזט מען דער וועלט יענע נאַכט אויפן בילד,
זייער ליכט מיטן טרויער זיך שפרייט.
אַ פרייהייט־פלאַנץ גייט אויף פון זייער אומשולדיק בלוט,
פון זייער ליבע און פרידן, וואָס זיי האָבן געזייט.

די פען און די שווערד

די פען איז פּילזײַטיק און שאַרפער ווי שווערד,
טיפער זי שנײַדט און גרוים איז איר ווערט;
צעטײלט אירע מעשים, צעשפּליטערט די ציל,
קאָן פינצטערניש שפּרייטן און מיט זונען זיך שפּילן.

די פען קאָן צום אָפּגרונט פאַרשלעפּן, פאַרשעלטן,
אָבער ליכטיקן קאָן זי פאַרחושכטע וועלטן;
איר דינקייט פון שפּיץ קאָן דערהויבן, באַרייכן,
דעם געבויגענעם קאָן זי דעם רוקן אויסגלייכן.

ניט ווי די שווערד, בלויז צום זינלאָזן סוף.
די פען קאָן דערגאַנצן אַ יעדנס באַרוף,
אין הערצער פאַרסמטע דערטראַגט זיך איר היילונג,
קאָן פאַרנעפּלטן מוח פון שפּינוועבס אויסשיילן.

די פען קאָן דערהויבן דאָס שענסטע אין מענטשן,
מיט גליק און מיט ליבע אים בענטשן.
ווער נאָר איר כוח, איר אמת זאַפּט איין,
קאָן צעברעכן די שווערד און אָפּווישן פּיין.

ווען טייוול אין מענטש וויל רחבות׳דיק ווײַלן,
די פען איז בכוח פון שדים־טאַנץ היילן.
די פען קאָן פאַרגאַנצן וואו פען האָט צעבראָכן,
און יום־טובן קאָן זי אין מיטן דערוואָכן.

קאָן דעם ליגן פון פּילערליי צודעקן הוילן,
בכוח אי פרײדן, אי פרײדן באַפוילן.
די ליכטיקע פען איז פירער, אי פרײנט,
די פען, וואָס דעם אמת שיילט אויס און באַשײַנט.

קינדעפּ־קללה

אַ קינד, אַ זיסער חלום, אַ העל צעבליטע וואָר —
אין מאָרגן שניידט אריין דער היינט, אַ שפּראָץ פון נייעם דור.

אויסגעצערטלט, אויסגעבענקט איז יעדע ליבע שעה,
ערשט אויפגעגאָן אַ פלעמל גאָלד, אַ נחת רוח איז דאָ.

איז מאַמעס האַרץ מיט ליבשאַפט אָנגעגאָסן,
צו ברייטע, ווייטע וועלטן מיט איר קינד זיך אָנגעשלאָסן.

דאָס גליק פון יונגן טאַטן פון זיין נשמה זינגט אַרויס.
מיט לייכטע און מיט שווערע טריט
גייען האָפערדיק די טעג פאָרויס.

האָט אומענטש ליב אויף מענטשנס גליק צו רייטן,
ער גנבעט ליכט פון טאָג, אויף האַרטן גאָלד אויסבייטן.

כאָטש אַליין פון מענטש געבוירן,
דאָך יעדן טראָפּן מענטש אין זיין נעפּל־וועג פאַרלוירן.

טויב צו טאַטע־מאַמעס יאָמער, וויסטן פּיין,
און טעמפּ צו אָן עופהלעס צאַפּלדיק געוויין!

פאַרשלעפּט אַ פּיצל קינד, ווי אַ ווילדער הונט אַ ביסן,
אין האַרץ פון פּשוט־לעבן מיט שאַרפע ציינער איינגעביסן.

די טויזנט אָפּנויגן פון גלייכן אומבאַשיצטן וועג
לויערן ווי וועלף, דעם מענטשנס גליק און העלע טעג.

און די טויזנט קללות, וואָס פוילן אינעם לעבן,
ברענען אוים די דינע פעדים,
וואָס קאָנען אין אייביקייט זיך וועבן.

האָט די קידנעפּ־קללה דאָס ברעקל לעבנדל צעריסן,
האַרץ פון ריינעם גליק מיט איר שמוציק־האַנט פאַרשמיסן.

געזען

טיף אין האַרצן הײַנט פֿאַרקריצט,
וואָס איך האָב דאָ געזען.
נאָר אין לעבן טיפֿער שנײַדט די וואונד,
וואָס מײַן אויג האָט נאָך פֿאַרזען.

„סקיד־ראָו״ — די אײַטער־וואונד פֿון מלאך־שטאָט,
ווי אַ שיף אין שטורעם־ווינט,
מענטש אין ווירבלדיקן וואַלגער,
זײַן טראָט אין אָפּגרונט זינקט.

געזען אַ מיידל, כּמעט אַ קינד,
צעפּלאָמט, צעהעלט, ווי זון;
ווי אַ שמעטערלינג אין גרויען פֿאַנג,
געזען ווי זי קומט אום.

און געהערט אַן עופּהלעס געשריי,
געבוירן דאָ פֿון זינד...
און געזען די זינד אין מענטש־געשטאַלט
וואָס פֿון לעבן פֿאַסן שינדט.

געזען אַ זקנה, אַ סקעלעט,
ניט אַלט קיין פֿערציק יאָר;
פֿון מענטש די שפּורן בלאָנקען דאָ,
אַ בייזע, פֿרעכע וואָר.

אויגן ברענען פֿיבערדיק,
אַ טרער פֿאַרמישט אין טרונק.
אַ ייִנגל, ערשט פֿון מאַמעס מילך,
פֿאַרקויפֿט מאָרפֿין אויפֿן וואונק.

פֿאַרטרונקען ליגט די האָפֿענונג,
דער מאָרגן מיטן היינט פֿאַרשווינדט,
אין וויסטן, אומזיכערן אָנהאַלט,
טרייבט אַ מאַן זיין פֿרוי צו זינד.

און געזען האָב איך אַ קבר־שטוב
פֿאַר מענטשן אַכט — גרויס, אי קליין —
די בלינדע ענגשאַפֿט טרייבט אין גאַס,
און די גאַס האָט שאַרפֿע ציין.

געזען די זינד — די שאַרפֿע ציין —
וואָס בייסט טיף אין לעבן איין,
און שעפּט דאָס גאָלד פֿון פּיין און וויי,
און רעדט פֿון לעבן שיין. . .

וואָס וויקלט זיך אין הויך־מאָראַל,
און טיילט אוים צדקה־געלט,
נאָר אויסלעשן וויל יעדן פֿונק,
וואָס וויל ליכטיקן די פֿוילע וועלט.

דער בויער

טעמפּלען און שולן און הייזער געבויט,
די מאַזאַליעטע הענט פאַרדינט האָבן ברויט.
האַמער און זעג האָבן געלעבט אין זיין האַנט,
זיין אויג האָט געמאָסטן די גלייכקייט פון וואַנט.

געבויט אין אַלע פיר עקן פון שטאָט,
הייזער פאַר מענטשן און טעמפּלען פאַר גאָט.
אַ יינגל פאַרקריצט זיין חלום אין האָלץ,
אַ מאַן בויט געביידעם מיט שוויים און מיט שטאָלץ.

מענטש וועבט זיין חלום מיט האָפן און ציל —
גיט פלוצלונג דער טייוול מיט אים זיך אַ שפּיל;
אויף טויזנטער שטיקער צעשפּליטערט זיין וועג,
אין גוף ברענט דער ווייטיק ווי פון שטומפּיקער זעג.

ליגט ער דער בויער געבונדן אין ווייען
און ווייסט, אַז ער קאָן מער ניט האַמערן, בויען,
קאָן בלויז טראַכטן פון הייזער וואָס ער האָט געבויט,
נאָר פאַר ווייב און פאַר קינד ניט קיין דאַך, ניט קיין ברויט.

שווער איז אין אָנבליק פון טויט אים די בעט,
און אַ שווערן, אַ שוצלאָזן לעבן ער זעט.
שטאַרבן איז טרויער, נאָר לעבן אָן מיטלען איז טויט;
אין קראַנקן געראַנגל פאַר לעבן,
זיך ראַנגלט דער בויער מיט נויט.

ער וועט

דער שאַפֿ איז אַ תּפֿיסה פֿאַר אים,
ווי דער נעכטן שלעפּט זיך דער היינט;
בלויז זיין אָפּשפּאָר-געלט אים טרייסט,
און די גרויע טעג באַשיינט.

געשפּאָרט פֿון פֿרייד און אָפּרו,
דער חשבון זאָל זיין רונדער:
אַליין צו ווערן באַלעבאָס —
איז וואונדער איבער וואונדער!

פֿון פֿאַרמאָן די פֿאַרדראָסן,
ער וועט צעטרעטן ווי די שטויבן;
ער וועט מער קיין האַנט ניט זיין,
ער וועט זיין איך דערהויבן.

אַ טיר אָן אָפֿענע וועט שטיין,
אַ קונים-שטראָם, אריין, ארויס,
פֿאַרזיכערונג, די קרוין פֿון טאָג,
זיין קליין געשעפֿטל צעבליען וועט זיך גרויס.

אין זיינע פֿרייע אָוונט-שעהן,
מיט אויסגעגלייכטע גלידער,
מיט ניט קיין קאַרגן דאָלער,
איז וואויל מיט גוטע ברידער.

האָט זיין געלט מיט זיין חלום געצווילינגט,
און זיין קרעמל, זיין איך האָט פֿאַרוועבט,
פֿאַרשלונגען די שעהן, פֿאַרנאַשט די מעת-לעתן,
זיין פֿאַרמעגן פֿון גרונט אויסגעשעפּט.

ווי קראָפּיווע וואַקסן די חובות
און ווילן זיין לעבן פאַרוויסטן.
שטייט אַנטקעגן אַ קראַם מיט פלאַמיקע פענצטער
און ברענט אויס זיינע קליינע פאַרדינסטן.

אַ ריזיקער מאַרקעט, טירן, אָפענע מיילער,
מיט טויזנטער לאָמפּן צעצונדן;
זיי שלינגען די קונים און ער שלינגט די פּילן,
און לעקט זיינע אייגענע וואונדן.

מענטש בייט די וועלט

מענטש בייט אי פּנים, אי האַרץ פון דער וועלט,
גייט מיט ריזיקע שפּאַנען פאָרויס.
ער פּוצט איר, באַלייכט און צעגרינט
און מיט כלערליי שרויפן און רעדער באַזינט.
גייט וועלט איצט אויף רעדלעך,
יעדער טאָג ווערט מיט וואונדער באַנייט,
דערפינדונג פאַרלויפט איר אייגענע צייט.

די ווייטסטע ווייטן דערנענטערט
און פאַרגרעסערט פון וועלטן דעם שפּאַן:
אין שעהן געציילטע, אין וואוילטאָג, אין רו,
פאָרסטו היינט עבר לים.
מענטש האָט צעוויקלט זיין חכמה, זיין וויסן,
געבויט און געבראָכן, צום רוים זיך געריסן.

איצט שטייגט ער צום הימל, לבנה דערלאַנגען;
פליט שנעלער ווי פייגל, מעסט אַלע ספערן;
אַנטדעקט און אַנטפלעקט און די וועלט איז אים גערן.
קוואַל פון דערפינדונג מיט אימפעט זיך שפּאַרט
און רייצט די פאַנטאַזיע,
וואָס דער וועלט נאָך דערוואַרט.

שטייט די וועלט אַ דערשטוינטע,
און פרעגט דעם מענטש אין זיין שוואונג:
צי קאָן ער אויך בייטן, אַנטדעקן זיין איך?
אַלץ שוין געביטן דעם דרויסן, די שטוב און די קיך,
נאָר דער מענטש טראָגט נאָך אַלץ
פיל פאַרבאָרגענע שאָטנס פאַרהאַסטע,
אויף פאַרבאָרגענע זונען אין זיך.

צום פּעסימיסט

וואָס קריגסטו זיך מענטש מיטן ליכטיקן לעבן?
קען דער שיינער פרימאָרגן קיין פרייד דיר ניט געבן?
ווען ס׳וואַכט אויף דער טאָג, דער פויגל, דער מענטש,
שטייסטו אויף פון דיין בעט, ביסטו דאָך געבענטשט!

באַגעגנסט די זון אויף דיינע אייגענע פיס,
ריין איז דיין ברויט און ווייס איז דיין טיש,
צעשפּילט זיך אַ שטראַל אויף דיין אָפענעם אויג,
זאָגסטו: קוקן אין בלויקייט פון הימל וואָס טויג?

איז דיין טאָג בלויז געבוירן מסחר צו שפּרייטן?
קיין שעה ניט פאַרשפּילן מיט זוניקע פריידן?
דו טוליעסט דעם שאָטן אין טונקעלער גאַס,
קאָנסט ניט פאַרגינען פון לעבן דעם נאַש.

אַך, וויפיל נחת דער טאָג קאָן מיר געבן!
די בלום אין איר בלי, פון גראָז די געוועבן,
די פויגלען ביים פענצטער, וואָס זינגען צו מיר;
מיך דערפרייט זייער פריידיקער שימער־קאָליר!

אין ביינאַכטיקער שטילקייט מיר ווינקען די שטערן,
ווערן יונגע חלומות מיר נאָענט און גערן.
מיר איז ליב יעדעס וואָרט פון בליציקן זאָג,
וואָרט פון שלום, אין הארץ און אויף ליפּן איך טראָג.

וואָרט פון הארציקן חבר, פון ליכטיקן מענטשן,
פול־פרייד ווערט מיין שטוב, אַזש נאָר זינגען די ווענט.
עס צעהעלן די זינגן אין קאַמפן געוואונען —
אַ פאַרזיכערונגס טרוים, וואָס מיר האָבן געשפונען!

מיר וועבן נאָך אַלץ אָט־דעם גאָלדענעם חלום,
אַז וועלט זאָל זיך אָנטאָן אין ליבע און שלום.
פרייד איז אין תוך פון זינפולן לעבן,
פרייד איז אין נעמען, אָבער מער נאָך אין געבן.

וואויל איז צו זיין אַ טיילכל פון גאַנצן,
איינער פון פילע, וואָס פרייהייטן פלאַנצן.
גייט אויף יענע פלאַנץ, מעג עס זיין פון דערווייטן,
בין איך דאָך דער קרוב פון אַלערליי צייטן.

פילצאָליקע פריידן זיי דינען מיר פריי,
מעג דער היינט זיין ווי נעכטן — פאַר מיר איז ער ניי.
נאָר אויב דאַגעגן מוזטו, לייג אָפּ עס אויף מאָרגן,
ניט כדאי צו דעם שאָטן דעם היינט צו פאַרבאָרגן.

די ליכטיקע שעה

איך פריי זיך מיט יעטווידער ליכטיקער שעה,
וואָס גאַנץ איז די היים, וואָס פרידן איז דאָ,

וואָסביימער זיך בויגן מיט פרוכטן באַלאָדן,
וואָס רעדער זיך דרייען אין רויש פון זאַוואָדן,

וואָס גרויס איז דער קויף פון די זוניקע שפייזן,
וואָס קלאָרער געדאַנק קאָן פיל שיינקייט באַווייזן;

וואָס מענטש וויל פאַרווישן די חרובע צאַמען,
די זון זאָל צו יעדערנס היים ניט פאַרזאַמען.

אַז ליכטיקער חלום פון רעכט און פון גלייך
האָט טיילווייז די וועלט שוין באַרייכט.

איז גוט מיר צו זען ווי די קינדערלעך לויפן
נאָך די מאַמעס אין קראָמען די שפייזן איינקויפן.

און די טאַטעס, די יונגע, נאָך מיט שלאָף אויף די ברעמען,
אין די בלויע פאַרטאָגן צו אַרבעט זיך נעמען.

און אַלעס באַוועגט זיך, מאַשינען, טראַמווייען,
משפחות צוזאַמען מיט פרידן זיך פרייען.

ווי בלימעלעך העלע, קינדערלעך זאַטע,
אין היימען ניט רייכע, נאָר מיט מאַמע און טאַטע.

איך נעם ניט אויף זיכער, איך פריי זיך מיט פריידן,
און גרויל פון די פילע, וואָס הונגער נאָך ליידן.

איז ליב מיר צו קוקן אין יעדערנס פנים,
און האָפן, אַז יעדער זיין גליק וועט אויפמאָנען.

אַז ריין זאָל דאָס ברויט זיין, אָן טרערן געמישט,
אַז הונגער און קריג זאָל פון ערד זיין פאַרווישט!

פרימאָרגן אין באָס

פון נאַכט ווערט פרימאָרגן געבוירן,
זיך פאַררויטלט, ווי ער וואָלט זיך פאַרשעמט;
דער טונקעלער הימל איז בלייכער געוואָרן,
דערזען, ווי דער מזרח גיסט גאָלד אויף די ווענט.

ליגט נאָך די גאַס אין פאַרחלומטן שלאָף,
זי וועקט זיך פון מענטשלעכן טראָט.
עס טאָגט פון ביינאַכטיקער שטילקייט דער סוף,
און דער אָנהויב פון ראַשיקן טאָג.

דער ווינט זיך צעטאַנצט אויף ראָג־גאַס,
מיט בייסיקער קעלט דער מחותן—
מענטשן געאיילטע, מען ווארט אויפן באָס,
מען ציילט שוין פון טאָג די מינוטן.

קעפ אין די אַקסלען, מאַנטלען פאַרקנעפּלט,
די לופט טרייבט דעם שלאָף פון די אויגן.
די מענגע ווערט גרעסער אין בלוי־גרויען נעפּל,
זיי פירן זייער כוח אויסזויגן.

ווערט פלוצלונג דער באָס פול ביז די ברעגן,
און יאָגט זיך צום שאָפּ און פאַבריק.
עס שיילט זיך דער טאָג און גאָלדיקט די ווענט,
און וועקט אויף אי טרויער, אי גליק.

דער אָרעמאַן

דער אָרעמאַן האָט אויגן צוויי—
קוקט ער שאַרף און ווייט מיט זיי;
זאַפּט איין אין זיך פיל ווינד און ווײ,
ביז עס רייסט פון ברוסט זיך אַ געשריי.

האָט ער צוויי שטאַרקע הענט,
ווען ליידיק ווערן זיי פאַרשעמט,
פון לעבנס פייערן פאַרברענט—
זיי האָבן וועלט דערקענט.

קינדער האָט ער מער ווי צוויי,
ווי צאַרטע ביימלעך אַלערליי:
שלאַנקע, רונדע, רוישיקע—
נאָר עסן ווילן זיי.

דער אָרעמאַן האָט האַרץ, אַי מוח,
טליעט דאָרט אַ ווילדער כוח;
שטאַרק ווי אייזן זיין געדולד,
נאָר ער ווייסט וואו ס'ליגט די שולד.

איינגעבויגן איז זיין רוקן,
כאָטש ער וויל פאַר קיינעם זיך ניט בוקן.
חכמים הייסן אים פאַרקוקן,
וויל די נויט אים באַלד פאַרצוקן.

דער אָרעמאַן האָט חובות פיל,
דער גרעסטער חוב—זיין לעבנס ציל.
קלייבט ער מוט און שטאַרקט די הענט
פאַרן גילטיקן מאָמענט.

דער נפש

דער פלאַקער פון גאָלד האָט זיין אויג אָנגעצונדן,
שטענדיק אים לאָקט דאָס „גרינע פּאַפּיר“;
זיין הפקר און שווינדל, ווי תהומען, אָן גרונטן,
אַ שותף צום טייוול — דער גביר.

פאַרמאָגט ער פּאַלאַצן, ברילִיאַנטן און געלט,
נאָר זיין נאָמען טראָגט בלויז אויף זיך שרעק.
זיין גאַנצער פאַרמעגן פאַרבאָרגן פון וועלט,
ער שווינדלט אויף זומפּיקן וועג.

פון הויט זיינע נערוון זיך רייסן און צוקן,
אָט זיי שפּרינגען אַרויס פון זייער צאָם.
פאַר געלט וועט דער נפש זיך בויגן און בוקן:
רער רייכער פאַרשוין איז דער גרעסטער אָרעמאַן.

מאַשינען

ערשט נעכטן געשטאַנען דאָ שורות מיט הייזער,
זוניקע לאַנען און דעכער;
היינט לויפן דאָ וועגן, מאַשינען־געיעגן;
דאָס זשומען דעם מוח צעלעכערט.

ערשט נעכטן געשטאַנען דאָ גאַסן צעבלומטע,
דערפרייטע פון קינדערשע קולות;
היינט פירט מען די שטיבער וואו אַנדערש אַריבער,
עס בייט זיך די וועלט מיט התפעלות.

פאַרצווייגטע זיך שלענגלען די בריקן, טונעלן,
צו ווייט און צו נאָענט זיי פירן.
מיט אימפעט מען פאָרט, די שעהן מען שפּאָרט,
וואָס שנעלער דעם טאָג צו פאַרלירן.

עס גלאַנצן אַספאַלטן, ווי סטענגעס צעצווייגן,
אַרויף און אַראָפּ און אַרונטער;
לאָמפּן צעבליצן, מאַשינען צעהיצן,
די שטאָט מיט אַ רויכיקן צונטער.

קלאַפּט אוים יעדער מאָטאָר ס׳האַרץ פון די צייטן,
צום מאָרגן פאַרציט מען אַ בריק.
מאַשין אויף די וועגן וויל יעדער פאַרמעגן:
מענטש יאָגט נאָך ווייט־מייליקן גליק.

דער מענטש איז פאַרזאָרגט

הינטער ריזיקער שפּייז־קראָם
שטייען קאַסטנס מיט אָפּפאַל:
קאַוועניעס, וואָס מער שוין ניט רויט,
צעפּינטלטע עפּל, ווייכע קאַרטאָפל,
מערן און שוואַרצלעכער קרויט.
דאָרט שפּייזן זיך הינט
און קעץ אַלערליי,
און דער מענטש רויעט אויך דאָ מיט זיי.

אין איין האַנט אַ קאָרב,
די צווייטע אין קאַסטן.
מיט זיין נויט
האָט זיך מענטש דאָ פאַרמאַסטן.
געפינט ער אַ בוריק,
אַ לעמוס פאַרברוינט,
אַ מאַראַנץ, וואָס האַלב איז
פאַרשימלט, פאַרפוילט.

פון אַנדערן קעסטל
וואַרפט צו אים אַ בליק
אַ הונט, וואָס זיך רויעט אין אָפּפאַל,
נאָר ווייזט אויס אים געפעלט ניט דער אויסוואַל.
קוקט ער אויף מענטש מיט פאַרדראָס:
דער מענטש עסט דאָך אַלעס!
וואָס שטייט ער פאַרזאָרגט?
דער הונט נעבעך ווייסט ניט פאַרוואָס.

צ ײַ ט

איך קאָן די צײַט ניט אָפּשטעלן,
און קאָן מיט איר ניט לויפֿן.
זי איז פֿאַר מיר ווי פֿרישע ברויט,
נאָר פֿאַר ברויט כ׳מוז זי פֿאַרקויפֿן.

שלינגט דער ווײַזער די סעקונדן,
און וועבט די גיכע יאָרן.
מענטש פֿאַרלויפֿן וויל די צײַט,
פֿון טאָג פֿון זײַן געבאָרן.

קוואַל פֿון צײַט אומענדלעך פֿליסט,
פֿון אוראַלט יאָגט צו נײַער;
און מענטש פֿון יוגנט שפּאַנט צו עלטער,
און צינדט אָן פֿלאַמען פֿײַער.

מענטש — אַ פּינטל אויף איר רוקן,
דאָך בײַט איר פּנים ניט צו דערקענען,
ראַמט דעם שימל פֿון פֿאַרצײַטן,
היילט אַלטע וואונדן, לאָזט נײַע ברענען.

מענטש קאָן לײַבטיקן די צײַטן,
אויף פֿינצטערן איר ריזן־גאַנג,
איז אַ טראָפּן אין איר שטראָם געלויף —
דאָך בײַט די צײַט נאָך זײַן פֿאַרלאַנג.

צען יאָר ישראל

יעדן פערצנטן מאַי דאָ צעפּלאַטערט דיין פאָן
און רופט: דאָס ניט־פאַרגעסענע שטענדיק דערמאָן!

כ'האָב קיינמאָל נאָך דיין הימל, דיין ערד ניט געזען,
נאָר עס לעבט אין מיר אַלץ וואָס מיט דיר איז געשען.

ווען דיין ערד האָט געוויקט זיך אין בלוט פון דיין פאָלק,
האָט מיין הארץ זיך אויף שטיקער צעריסן געוואָלט!

דאָרט אין מערב די קאַלטע־אויוונס היים נאָך צעגליט,
און דאָ ברענט מען שוין ווידער די יידישע טריט!

מיינע פאַרבליבענע ברידער, מיט ווי און מיט פּיין,
געלאָפן פון פייער אין פייער אַריין!

דיינע זין, דיינע טעכטער, די נייע מאַקאַבייער,
פון לעבן די בויער, פון לאַנד די באַפרייער.

פאַרצייטן מען וואָלט עס גאָר ניסים אָנרופן,
באַוואַסערט דעם מדבר, געטריקנט די זומפּן;

צעגרינט די פון דורות פאַרטריקנטע ערד,
איין האַנט אויפן אַקער, די צווייטע אויפן שווערד.

יידן פון אַלערליי ראַסן, קאָלירן,
זייער טרויער און ליבשאַפט געבראַכט דיר צופירן.

שיפן מיט פּיין צו דיין ברעג זיך געטראָגן,
פון די טויט־לאַגערן מיט גרוילן געוואָגלט.

געבראַכט דיר דעם חלום פון די טויזנטער יאָרן:
דיין ערד זאָל מיט פרייהייט און פרידן זיך פּאָרן!

איבער ברייטע ימען בין איך ווייט פון דיין באָדן,
נאָר די פליגלען פון שלום מיינע ברכות דיר טראָגן.

מיינע וואונטשן פון הארץ אַ מתנה דיר געבן:
זאָלסט וואַקסן, ישראל, און דורות לאַנג לעבן!

היינט הויב איך דיין פאָן צו דיינע יונגע צען יאָר:
האָסט מיט קאַמף און מיט שפּע באַלויכטן מיין דור!

דער דור, וואָס פאַר פרייהייט באַצאָלט מיט זיין בלוט,
וואָס אייביקן וועט זיין עקשנות און מוט.

שלום

עס פליט איבער מיין שטוב און דאַך
אַ קלאָרע, ווייסע טויב,
מיט די פליגלען גיט אַ פּאַך
און פּיקט באַלד מיין שויב.

אַ שלום־האָפענונג געבראַכט,
צעזינגט אין לופט די פרייד.
מיר דוכט די טויב זי לאַכט,
ווען אירע שלום־פליגלען שפּרייט.

מענטשן קוקן נאָך און גאַרן:
שלום מיינט דאָך רואיק שלאָפן,
שלום מיינט: פאַרווישן צער'ן,
בויען לעבן, ניט קיין וואפן.

די היים אין ליכט איז אָנגעטאָן,
אַ ווייס־געגרייטער פולער טיש,
זין און טעכטער קומען אָן,
דאָס קליינוואַרג אונטער פוס.

טאַטע־מאַמעס האַרץ — פול נחת,
מאַן און ווייב אין רו געקליידט.
מען רעדט פון פילערליי מלאכות,
אַ מילדער פרילינג־ווינטל ווייעט.

און ווער ס׳דערמאָנט מלחמה־שטראָפן,
פון די יאָרן בלוטיקע די גרוילן,
ניט פאַרגעסן, פון ערד אָפּשאָפן
אַלץ, וואָס קאָן פון לעבן הוילן.

שלום איז געזאַנג, געלעכטער,
אַ צוקונפט פאַר געליבטן פּאָרל.
דער היינט און מאָרגן אַ גערעכטער,
גליק אין פרידן ווערט געבוירן.

צעברעכן אַלע ביקסן, שווערדן,
פון דעם שלאַכטפעלד, פון די ראָסן,
מענטשן ווייסע, שוואַרצע, וועלן
אין שלום־וועלט גיין ענג געשלאָסן.

אַזוי פיל צייט, אַזוי פיל מוח
אויסצוטרוימען, אויסצוקלערן;
אין שלום וואַקסן וועט אַ כוח,
דאָס לעבן שענערן און מערן.

קאָרן זאַנגען אין די פעלדער
מיט גאָלדן־לעבן אָנגעלאָדן;
גערטענער זאַטע, גרינע וועלדער,
ברויט בשפע, אָן קיינעמס שאָדן.

טראָגט די טויב דעם אַטאָם־וואונדער
ניט פאַר טויט, נאָר שיינעם לעבן;
ס׳קאָן מער קיין לאַנד ניט זיין באַזונדער:
אַטאָם מוז אונדז פרידן געבן!

אַ שרפה אין אַ קינדער־שול

האָבן פלאַמיקע מײַלער צעעפנט זיך ברייט
און פאַרשלונגען די קינדערלעך, ליכטיק און ריין;
די גרוילן פון גיהנום גיבן ווילד אַ צעשפרייט —
שטייען טרונעלעך ווייסינקע, גרעסער און קליין.

אָט לויפן זיי, פרײלעכע, גליקלעכע קינדער,
שטיפן און ראַשן, נאָר לערנען זיך שטיל.
אין די אייגעלעך צויבער פון נײַגיר און וואונדער,
זיי רייסן זיך מונטער, צום דרויסן, צום שפיל.

נאָר אין איצטיקן פלאַנטער־געלויף צו דער טיר,
צונגען פייער פאַרוויקלען זיי, שלעפן צוריק.
גיט דער קעניג פון טויט זיין האַנט אַ צעפיר,
און וועבט פון רויכיקע פלאַמען צעפאַלענעם בריק.

אין שווארצן פאַרהילט אַלע מענטשן און גאַסן,
אין טויזנטער היימען איז בלוט היינט די טרער,
די זון האָט זיך דאָ אין די קברים פאַרשלאָסן,
דער שלייער פון טרויער העגגט זיכער און שווער.

אָ, קינדערלעך, ליכטיקע, ווי שטערנדלעך בליצן,
ווער ווייסט וואָס אין לעבן פון אייך וואָלט אַרויס ?!
פאַרבליבן זייט איר דאָ מיט וויטאָג פאַרקריצטן:
זאָל אָפּהיט פון לעבן דורך אייך ווערן גרויס!

מענטש

ביסט ווי קלאָרער, טיפער וואַסער־פאַל,
מיט אייביק־שטראָמענדיקן ציטער.
דיין טראָט צעשפּרייט זיך איבעראַל,
אין ליכט און פינצטערן געוויטער.

אין ליבשאַפט און אין ווי געבוירן,
ווי רויטער זון־פלאַם צינדט דעם נייעם טאָג;
פון אַלע ליכטיקע קאַיאָרן,
איז דיין אָנקום דער לויטערסטער פאַרמאָג.

אַ צאַרט און בויגיק מענטשן־קינד,
דיין בליק געצילט פאָרויס.
אין דיר גנבעט זיך פון וועלט די רויע וואונד,
און זויגט פיל שיינקייט פון דיר אויס.

דיר קלאַפּט דאָס האַרץ פאַרן גערעכטן,
נאָר פאַרלירסט דעם שנור פון זיין גערעכט;
דיך שווידערט פון מלחמה, פון איר שעכטן,
נאָר שטענדיק גייסטו אין געפעכט.

אין געיעג נאָך גליק, דעריאָגסטו קוואַלן פּיין.
דיך לאָקט דער לויכטנדיקער שטערן,
ווי טייכן וואָס פליסן אין ימען אַריין —
דיינע טעג פון געראַנגל זיך מערן.

און ווען טעג דיינע רייפן, ווי זאַפטיקע טרויבן,
דאַן צעקושט זיך דיין פרייד מיט אַ טרער;
ווען דו ווערסט ווי אַן אָדלער צו הויכן דערהויבן,
אויך דאַן טיילט דיין גליק זיך מיט צער.

ביסט שטערער, אי בויער, אויך טרעגער
פון לאַסטן, פון טרויער און פרייד;
ביסט פון גערעכטיקייט שעפער, אי יעגער,
אָבער שפּאַנען פאָרויס ביסטו גרייט!

בײם ראַנד פֿון לעבן

צי ווערט נעלם?

(צו מיין מאַמען)

צי פאַרשווינדן דעם מענטשנס גאָלדענע חלומות
צוגלייך מיט זיינע אָפּגעלעבטע טעג —
ווען זיין לעבן, ווי אַ פאָדים רייסט זיך איבער,
און פאַרענדיקט ווייט־זעעוודיקן וועג?

ווערן נעלם די מחשבות, ריינע, סיי פאַרשייטע,
ווערטער, ווי האָניק און ווי סם —
ווען זיין אָטעם, ווי מיט וואַקס ווערט פאַרחתמעט —
צי בלייבט כאָטש איין פונק פון זיין פלאַם?

ווערט נעלם זיין וויסן? זיין חכמה, זיין שיינקייט?
זיינע פינצטערע טאָטן, סיי די העלע ווי זון?
ווערט אַלץ דען פאַרשטומט מיט זיין לשון?
ווערט אַלצדינג פאַרשוואונדן מיט אים?

אַ גרעזל צעגרינט הינטער גרעזל פאַרגעלטן,
צען בליטן צעבליען פאַר יעדע בלום, וואָס פאַלט אָפּ.
וואָרצל פון בוים, וועט זיך טיפן און שפרייטן
און שפּראָצן נאָכדעם, ווען דעם בוים מען האַקט אָפּ.

מענטש איז באַשאַפן גוטסקייט צו געבן,
זיין טאָט, ווי אַ גאָלדענער שטראַל;
צעוואַקסן זיך פלאַנצן פון זוניקע שטראַלן
און שפּראָצן אין וועלט איבעראַל.

אַ וואָרט ווערט פאַרקריצט אין הארץ פון די דורות,
זואַר ווערט צעהעלט פון ליכטיקן חלום;
איז וואויל יענע טאָטן די מענטשלעכע ריינע,
זוי די לופט ווערט עס קיינמאָל ניט נעלם.

כל זמן...

מענטש אַנטקעגן גייט דעם טויט,
און בייקומען קאָן גרויל און פּיין;
כל זמן פאַר אים די זון איז רויט,
קאָן ער אַלעם גובר זיין.

ווינט קאָן אים שמייסן, אי דערפרישן,
כל זמן עס פליסט אין מענטש זיין בלוט.
די צייט פאַרריכט נשמה־ריסן,
כל זמן ס'איז דאָ אַ טראָפּן מוט.

אַלץ וואָס בליט פאַרגייט אין שטאַרבן,
דאָך פלאַם פון לעבן איז אייביק דאָ.
דער טאָג פאַרגייט אין די שענסטע פאַרבן,
די צייט פאַרמאָגט קיין לעצטע שעה.

קיינער קאָן קיין עול ניט טראָגן
אָן שום ליכט פון חלום־שיין;
מעג דיין טאָג זיין שווער געלאָדן,
מיט טרוים, געזאַנג, וועסט גרינגער גיין.

מעג דאָס האַרץ זיין פול מיט קאַרבן,
פאַרדאַרטער בוים צעוואַקסט אויפסניי;
כל זמן דאָס אויג קאָן זען די פאַרבן—
לעבן שפּאַנט דעם טויט פאַרביי.

אַ שעה אַזאַ

יעדער מענטש פאַרמאָגט אַ גרויע שעה,
ווען פאַר אים צעשמייכלט זיך דער טויט;
דער טויט געוועלטיקן וויל דווקא דאָ,
וואו לעבן רייסט זיך פון דער הויט.

וואו נאַכט זיך שפּרייט אין מיטן העלן טאָג,
דאָס באַוואוסטזיין ווי רויך פאַרגייט.
„ניט זיין" וועגט איבער אויפן וואָג,
ווי אָפּגעמעקט ווערט לייד, אי צאַרטע פרייד.

די מורא איז דאָן טיפער ווי דער ים.
יעדן טראָפּן כוח ווילסט איינזויגן.
דו וואַרפסט זיך אין עקשנותדיקן פלאַם —
ווילסט אויסברענען דעם טויט פון דיינע אויגן.

און ווען טיר פון אָפּגרונט פינצטערן פאַרמאַכט זיך,
ווען די שרעק פאַר אומבאַוואוסטן שטילט זיך איין,
ווי דער הימל נאָכן שטורעם עטוואָס בלויט זיך —
און אַ טראָפּן ליכט אין הארצן גיסט אַריין.

יעדער מענטש פאַרמאָגט אַ העלע שעה,
ווי צום ערשטן מאָל דערזעט די ווייסע וועלט;
כל זמן וויסנשאַפט און ווילן זיינען דאָ,
ווערט נאָכאַמאָל דער טאָג פאַר אים צעהעלט.

מאָרגן איז צו שפּעט

כ'האָב פאַרהאַלטן מיינע ברעקלעך פרייד,
וואָס געדאַרפט האָב איך זיי ברענגען,
וואו בעט איז ווייס און פּנים בלייך,
וואו אומעט טיפט זיך ווי דער ים,
וואו אָבל שפּייזט זיך מיט זכרונות,
און וואַרעמט זיך אין אָפּגעקילטן פלאַם.

די ברעקלעך ליכט אין מיר
האָבן זיך געריסן צו אַ טיר,
נאָר איך האָב זיי די ציין פאַררעדט,
געקאַרגט אַ טראָפּן פון מיין צייט
און פאַרגעסן,
אַז מאָרגן איז צו שפּעט!

אָ, ברעקלעך ליכט מיינע,
איצט בלאָנקעט איר פאַרשעמטע.
איר טייטלט מיר אין פּנים,
איר זייט באַשאַפן צוליב פריינטשאַפט,
און געטאָן גאָר ווי די שונאים.

איר טאַדלט מיך און מאָנט
אייך ניט באַהאַלטן פון קיין פריינט,
אייך ניט אָפּלייגן אויף מאָרגן—
ווייל אין מאָרגן
לעבט דער היינט.

יאָ און ניין

אַ שווינדל אין אויג, אונטער פֿוס שפּאַלט די ערד —
און אוים! ווי קיין זאַך ניט געווען.
דער ווייטיק זיך שאַרפֿט, ווי פֿון שווערד;
ס'האָט לעבן דעם טויט היינט דערזען.

אַלץ ווערט פֿאַרלוירן, אי שאָטן, אי ליכט,
אַלץ אין איין רגע פֿאַרווישט;
די טאָטן, געדאַנקען וואָס האָבן געפֿירט,
סיי שלעכטס און סיי גוטס ווערט צונישט.

די קינדערשע אויגן — ליכטיקע שטראַלן —
דיך וועקן און מאָנען, שטיי אויף!
דו רייסט זיך פֿון אָפּגרונט: איז אַלץ שוין פֿאַרפֿאַלן?
אָט זינקסטו, אָט שווימסטו אַרויף.

שעהן, מעת-לעתן פֿון יאָ און פֿון ניין,
אַ זונשטראַל זיך נויגט צו דיין בעט;
משפּחה און פֿריינט, הערצער פֿול פּיין,
פֿליסטערן צום לעבן געבעט.

ער רוט אין פּילפּאַכיקע פאַרבן

(אין אָנדענק פון משה ווײַנשטיין)

מיטן אייביקן אָפּשייד פון אַ נאָענטן פרײַנט
שטאַרבט אַ טייל פון מײַן אייגענעם גוף.
ווי שפּיזן צערײַסן דעם הײַנט
די בשורה פון זינלאָזן סוף.

פאַרשטילט ווערט דער מענטש און זײַן וואָרט,
פאַר׳יתומ׳ט בלײַבט העגנגען זײַן ליד,
ליידיק פאַרבליבן זײַן אָרט,
פון מענטש, פון דיכטער און ייִד.

איז ווער וועט אונדז פריילעכע מעשיות דערציילן?
דעם שווערן געמיט מאַכן גרינגער?
מיט שיינע ניגונים פאַרווײַלן? —
אַוועק אונדזער פאָלקס ליבער זינגער!

פון איין קוואַל פליסט לעבן, אי שטאַרבן,
און מענטש איז מיט ביידע פאַרבונדן;
ער רוט אין פּילפּאַכיקע פאַרבן,
נאָר זײַן וואָרט איז פון אונדז ניט פאַרשוואונדן.

צו אַ קראַנקן פריינט

אין מיר וויינט דיין פאַרטריקנטע טרער,
דייִנע קורצע צעטראָטענע פריידן.
פול ווי אַ שוואָם ביסט מיט צער,
און ווי אַ שוואָם קאָנסטו ניט ריידן.

אַ טונקעלע וואַנט צווישן לעבן און דיר.
אין דיר טליען אומפאַרשטענדלעכע פּיינען.
האָט דער שאָטן געגעבן זיין האַנט אַ צעפיר
און געריבט דיך פון לאַכן, סיי וויינען.

דאָס לעבן צעהעלט און דאָס לעבן פאַרשעלט,
אָט גיט עס דיר פרייד און וועבט נעצן פון לייד.
ליגסטו היינט אין פאַרפלאָנטערטן נעץ איינגעהילט,
דיין געדאַנק מיטן טייוול זיך שפּילט...

דיך שלעפּט ווי אין טיפן פראָסטיקן תהום,
ווי אַ שלאַס וואַלט דיין ליכטיקן מוח פאַרשפּאַרט.
אין פאַרנעפּלטן שלייער, דיין געוועזענער טרוים,
דיין געלייטערטן מאָרגן דערוואַרט.

אין שפּיטאָל

צוויי קראַנקע אין איין צימער,
צוויי בעטן ווייס ווי שניי.
פּיל זיפצן און פּיל קרעכצן,
צוויי פּנימער מיט ווײ.

אַ זונשטראַל דורכן פענצטער
בלאַנדזשעט דאָ פאַרפרעמדט.
פרישע בלומען אין די וואַזן
קוקן ווי פאַרשעמט.

זיי זאַפּן איין די קרעכצן,
די ווייטיקן, דעם פּיין;
געוואָלט דאָ פריידן ברענגען,
נאָר עס גיט זיך זיי ניט איין.

הויל, אָן פּוץ, אָן פרייד,
בלייך זיינען די ווענט.
די לאַנגע, גרויע טעג,
ווי אָפּגעפרעמדטע הענט.

בלויז דער קראַנקן־שוועסטערס שמייכל,
אירע הענט און אויגן ווייכע,
ווי זונשטראַלן באַלייכטן
די פּנימער די בלייכע.

מיט געאיילטע טריט און בליקן,
וואָס ווילן גרינגערן און היילן,
באַוואַכט זי יעדנס אָטעם,
און מיט רפואות זיי איינטיילן.

„פילן״ גאַנצע זשמעניעס
מיט ליכטיקע קאָלירן,
איינשפּריצונגען זיך יאָגן —
קיין סעקונדע ניט פאַרלירן.

איז דער שפּיטאָל פאַרהאָוועט,
זיך קיין הענט ניט אָנצונעמען!
אינסטרומענטן זוכן סודות,
מיט לייב און לעבן זיך באַקענען.

צוויי קראַנקע אין איין צימער,
צוויי האָפענונגען צינדן:
מיט די בלייכע ווענט זיך שיידן
און מיטן דרויסן זיך פאַרבינדן.

איך זע דעם ים פון מיין בעטל

דער שיקזאַל דער גוטער געשטעלט האָט מיין בעטל
ביים פענצטער, כאָטש ווייט פון דעם ים.
עס קוקט דער שפּיטאָל פונם בערגל צעגרינטן,
אויף מערב צעצונדענעם פלאַם.

און צו מיר זיך באַווייזט הינטער גאַסן און ביימער
דער גאָלדענעם ים אויבערפלאַך;
דאָרט שימערן גרינע און געלע אוזאָרן,
איך זע אים, נאָר הער ניט זיין שפּראַך.

זיין רעשן און רוישן צו מיר ניט דערטראָגט זיך,
זיין ברויזנדיקער כוח מיר פעלט;
דאָ אין דער שטילקייט, אין הויז פון רפואות,
דאָ אויפן ראַנד פון דער וועלט.

דאָ צווישן ווענט, בלייך ווי די קראַנקע,
איך בענטש יעדע שעה, וואָס איך קען זען
די רויטע און בלויע, און צאַרט־ראָזע פאַרבן —
איך וויל פון צויבער קיין האָר ניט פאַרזען.

די בענקשאַפט פון יאָרן, פון אַלע פאַרנאַכטן,
היינט דאָ צו מיין בעטל דערטראָגט.
דער זון־פאַרגאַנג צינדט אָן די וועלט אין קאָלירן,
און אין מיר אַ באַגער פאַר אַ מאָרגנדיקן טאָג.

די ירושה

(אין אָנדענק פון דבורה טאַראַנט)

צו יעדן מענטשן קומט די ניט געגאַרטע שעה,
דער לעצטער טראָט פון אָפּגעהאַקטן גאַנג;
נאָר ניט יעדער האָט די זכיה צו ליכטיקן די וועלט,
און ניט יעדנס וואָרט איז העל־געזאַנג.

ניט יעדנס פנים איז אָפן ווי דער טאָג,
וואָס וועקט אין אייך אַ גלויבן, אַז ס׳וועט זיין
פרידן אויסגעשפרייט, ווי בלימעלעך אין פעלד,
און אָפּווישן פון ערד דעם קריגערישן פיין.

דבורה האָט געטראָגן איר שמייכל, ווי איר האַרץ
צעעפנט, אַז אַריין זאָל קינד־און־קייט.
טראָגט יעדער איצט איר אָנדענק, ווי אַ צעזונטע בלום,
פון ליבשאַפט האָט זי קערנדלעך געזייט.

שווער איז אונדזער האַרץ, מער איר וואָרט ניט הערן!
איר צעזילבערטער געלעכטער אָפּגעשטעלט;
איז אַ טרייסט אונדז איר ירושה: די פשטות פון די טעג,
און איר צוואה — אַ ליכטיק־שיינע וועלט!

דערהאָלונג

מיך רופן ניי־געבאָרענע לידער,
זיי וואָס שנעלער אין ווערטער אָנטאָן.
נאָר די מידקייט באַהערשט מיינע גלידער
און די שעה פון געפּאַר איך דערקאָן.

וויל איך די שאָטנס פאַרטרייבן
מיט די שורות, וואָס ווערן צעקוואָלט —
אַנטזאָגט זיך מיין האַנט צו פאַרשרייבן;
וואָס אַרט איר, וואָס איך האָב געוואָלט!

און דער טאָג אַזאַ העלער, אַ בלויער,
מיט ראָזעווע פאַרבן געמישט;
נאָר ס'ווערט מיין געמיט עטוואָס גרויער,
ווען פאַמעלעכער גייען די פיס.

וויל איך קיין כוח פאַרשווענדן,
ווער איך גאָר מיד פון דער רו;
וואָלט איך זיך קאָנען פאַרבלענדן
און ניט בענקען נאָך ווערמען, נאָך וואו!

וויל איך מיין שטימונג איינוועבן אין ליד —
אפשר וועט גרינגער מיר זיין!
שטעלט זיך אַנטקעגן אַ פאַרעקשנטער גליד
און טרייבט מיך אין בעט באַלד אַריין.

מענטש אין זיין אייביקן סוף

(לזכרון יעקב לון)

צופיל שוין מיט טרויער באַגלייט!
צו אָפט געזען דעם פאַרגליווערטן שלאָף!
די זון יעדן טאָג אין איר שיינקייט פאַרגייט,
און מענטש אין זיין אייביקן סוף.

צופיל שוין געריסן דאָס האַרץ פון דער ברוסט.
צו אָפט, אין איין איינציקן יאָר!
עס טונקלט דער הימל פון יעדן פאַרלוסט,
עס לעשן ליכט זיך נאָך ליכט פון מיין דור.

היינט ווידער געזען דעם פאַרגליווערטן שמייכל,
זיין גוטסקייט — ירושה פאַרבלייבט.
זיין באַרוף, אַז אין געבן ליגט שכל
און גליק, איז צו מענטש זיין אַ פריינט.

שראַנקען מיט ביכער פאַרבענקטע זיי שטומען,
דער באַריר פון די פינגער נאָך לעבט.
פון לעבן די פריידן, דעם טרויער פאַרנומען,
אַ לעבן אַ גערעכטן פון האַרצן געוועבט.

פאַרחושכט זיין שטול, פאַרטריקנט זיין פעדער,
דער גרויסער טיש אַ פאַריתומטער שטייט.
די טעג פון די ליבסטע, צעטראָטענע סעדער,
איין רגע ט'פאַרשלונגען לאַנגיאָריקע פרייד.

אַוועק איז דער מענטש, נאָר זיין ליבשאַפט איז דאָ,
ווי גראָז אין זיין שטענדיקן וואַקסן;
פאַרגיין מוז דער צער, פון טרויער די שעה,
ווייל לעבן קאָן טויט איבערוואַקסן.

פאַרשטילט איר געזאַנג

(אין אָנדענק פון שפרה ווייס)

אויף וועגן צעשפּרייט אירע טויזנט פאַרדראָסן,
פאַרעלנט אין מערבדיקן ווינט.
פאַריתומטע בלאָנקען פאַרוואָסן,
פאַרשטילט איר געזאַנג איז אַצינד.

מיט הענט אויסגעשטרעקטע צום לעבן,
פריידן געזוכט און געמאָנט.
פערזן פון הארצן געגעבן,
איר ליבשאַפט צו מענטשן באַטאָנט.

טויט האָט איר אומרו פאַרשטילט,
פרעמד איז די רו איר געווען,
איר וואָרט צו דעם לעבן געצילט,
איר האַרץ ווי איר אויג האָט געזען.

צום נעכטן פאַרנאָגלט געדאַנקען,
פאַרגאַנגען די זוניקע שעה,
מיט ציטער די טרויער-ליכט צאַנקען —
אָט ערשט דאָ געווען און ניטאָ!

אָבער דורכברעכן מוזן די שטראַלן,
און לויכטן וועלן זיי ביי מיין טיש.
אירע לידער, ווי לויטערע קוואַלן,
אין מיין הארצן זיי וועלן זיין פריש.

איך שפּאַציר היינט אויף דאָס ניי

איז גוט מיר היינט שפּאַצירן אין ליכטיקן פרימאָרגן:
עס וואַרט אויף מיר אַ פולער, ליבער טאָג.
מיט לאַנגער שווערער נאַכט פאַרגאַנגען מיינע זאָרגן,
די גאַנצע שיינע וועלט היינט איך פאַרמאָג.

די גאַסן אויסגעפּוצטע, רופן מיך און רייצן,
פאַרבעטן מיך צו גיין נאָר וואו איך וויל.
אַזויפיל זונליכט גאָלדענע פון אַלע דעכער פלייצן,
אויף מיינע אויגן גיט די זון זיך אַ צעשפּיל.

שפּאַציר איך דורך אַלייען, מיר גייען נאָך די פריידן,
ווי קיין וויייטיק אויף דער וועלט וואָלט ניט געווען.
עס זינגט צו מיר די ערד, אַלע פלאַנצן צו מיר ריידן —
איך זאָל פאַרגעסן אַלדאָס בייז, וואָס איז געשען.

אַלץ איז ליב און ניי מיר, דאָס גאָלד און גרין אויף ביימער,
און לופט די ריחות טראָגן בשמים-זים.
די מענטשן — גאָלע ליבשאַפט, יעדער איז מיין שומר.
מען פרייט זיך, וואָס איך גיי אויף מיינע פיס!

אַזוי פיל בלומען אויסגעשפּרייט פון אַלע זייטן גאַסן,
ווי אַ פּאַראַד פאַר מיר וואָס גיין איך קאָן היינט פריי;
אַלע שווערע טירן פאַר מיר זיך אויפגעשלאָסן
פון לאַנגער תפיסה-בעט — שפּאַציר איך היינט אויף ס'ניי.

זיך צעקושט מיטן ים

הימל און ים היינט באַגריסן מיך הײם,
די זון, ווי זי וואָלט צוליב מיר בלויז אַרוּם.
דער זומער און פרילינג אין וועג כ'האָב פאַרלאָרן,
איז דער האַרבסט מיר אַ נאָענטער פרײנט היינט געוואָרן.

עס קלייבן זיך שוין די פאַרוואָלקנטע טעג,
נאָר פאַר מיר איז דער זומער נאָך אַלץ אונטערוועג.
מסתמא דערפרייט מיט מיין שפּאַגל־נײַ לעבן,
וויל דער האַרבסט דעם זומער צוריק מיר אָפּגעבן.

און דער ים נעמט מיך אויף מיט זיין פריילעך געזאַנג,
ער רופט מיר צו זיך מיט זיין כוואַליקן דראַנג.
האָב איך היינט זיך צעקושט מיט ליכטיקן ים,
און די זון האָט געקילט אינעם וואַסער איר פלאַם.

מיך מיט רויט־בלויער האָפענונג באַגאָסן,
געוואָלט פון מיין גוף אַלע ווייען אָפּוואַשן.
האָט ברייט זיך צעשמייכלט פאַר מיר היינט די וועלט,
און דער טאָג האָט פאַר נחת זיך פריילעך צעקוועלט.

איך פאָר אַהיים פון שפּיטאָל

נאָך קיינמאָל ניט געזען, אַזוי פיל זון אין די גאַסן,
אַזוי פיל רויטע און בלויע און גאָלדענע ליכט;
אַלע דעכער און הייזער מיט זילבער פאַרגאָסן,
ווי מען וואָלט זיך אויף ווענען מיט ליבשאַפט געריכט.

די דופטיקע לופט גלעט מיר דאָס פּנים,
וויל פאַרווישן די שפּורן פון גרויען שפּיטאָל.
ס'וויל דאָס ווינטל פאַריאָגן די בייזע סימנים
פון גוף דעם פאַרשוואַכטן, פון קראַנקהייט דעם גרויל.

אין די צעריסענע טעג, פון חדשים צוויי לאַנגע,
האָט דער טויט זיינע פליגל פאַרעקשנט געשפּרייט.
אין די ווענט פון שפּיטאָל, אין ווייען געפאַנגען,
מיטן טויט זיך געראַנגלט, מיטן לעבן ניט געשיידט.

איצט קוק איך ניט מער דורך פאַרנעפּלטן שויב,
כאָטש שוואַך איז דער טראָט, אָבער שטאַרק איז די פרייד.
צו וויסנשאַפט גרויס איז מיין לויב;
פאַר מיר אירע וואונדער געשפּרייט.

„אַהיים״ — איז דעם חולה'ס ליכטיקער טרוים,
ווען ס'ליגט ווייט נאָך די גליקלעכע שעה.
איצט גיי איך אַנטקעגן דעם גאָלד-בלויען רוים;
צו אַזאַ פרייד איז קיין גלייכן ניטאָ!

עס טראָגט די מאַשין מיך דורך זוניקע גאַסן,
און אַלץ פון דעם צוויבער-טאָג היינט מיך באַגריסט;
אַלדאָס גוטס איז דאָ גרייט פאַר מיר צו געניסן,
די וועלט פול מיט זון און מיט לעבן עס פליסט!

זיין מוטיק־דרייסטער גאַנג

(לזכרון א. פאלאַנסקי)

גייט דער מענטש ביים סאַמע לעבנס־ראַנד
און מיינט: ס'איז העט־העט ווייט נאָך
זיין מוטיק־דרייסטער גאַנג.
איז גוט אַזוי: עס אייביקט אין אים זיין פאַרלאַנג.
ער בויט דעם שיינעם מאָרגן אין זיין וואונדערלעכן היינט;
אויב אפילו ניט פאַר אים —
איז פאַר זיינע ליבסטע, גוטע פריינט.

טראָגט ער פאַרב אין וואַכן אויג
און אין זיין קינסטלער־האַנט.
מיט האַרץ פול־האָפענונג וואָס האסטיקער ער שפאַנט.
דעם טונקלען לעבן פילפאַרביק אויסגעמאָלן,
רופט און מאָנט — די שונאים
מיט זייער אייגן סם זיי צענפאַכיק באַצאָלן.

איז מענטש זיין לאַנגן־קורצן וועג דערגאַן,
באַלויכטן פון זיין שעפערישן דראַנג,
באַפאַרבט מיט פענזל, וואָס זיין האַרץ האָט נאָר געזען,
און אַלץ מיט יונגן, פייערדיקן ברען.
בלויז אין שאַפן צעוויקלט ווערט זיין רו.
ער האָט אַזויפיל, אַזויפיל נאָך צו טאָן —
און פלוצלונג איז דער מענטש ניטאָ!
נאָר זיין באַשאַף, ווי ער אַליין, אייביקן וועט דאָ.

יונגע יאָרן

יוגנט

עס גייען מיר נאָך מיינע מיידלשע יאָרן,
ווען געיאָגט האָבן טעג זיך נאָך טעג,
אין די בענקשאַפטן ווער איך ווי איבערגעבוירן,
מיטן אומרו אויף גליטשיקן וועג...

טעג, ווי די כוואַליעס אין רוישיקן ים,
ענדלאָזע קומען זיי אָן.
ווען די נויט האָט געמינערט פון לעבן דעם פלאַם,
צינדט יוגנט איר אייגן ליכט אָן.

די אומרו אין יוגנט ווי ימיקער שטורעם,
וואָס שוימט צו אַ ברויזיקן ברעג.
איז דאָס האַרץ אַ צעוואַקלטער טורעם,
און די טריט אָפט פאַרלירן דעם וועג.

אומרו געוועלטיקט נאָך אַלץ אין מיין וועזן,
טיף זיך פאַרוואָרצלט אין מיר.
עס קאָנען די יאָרן דעם דראַנג ניט אויפלייזן,
כאָטש האַרבסט איז שוין דאָ ביי מיין טיר.

אין בלערליי פלאַמען איז יוגנט געבאָדן,
און גליק איז ניט שטענדיק אין ציל.
האָבן יאָרן געטיילט מיר פון שטורעם דעם שאָדן,
און פון רעגנבויגן דעם שפּיל.

לינדאַ

איך זע זי ביים שפּיגל אין ראָזעוון קלײדל,
זי פּוצט אירע ברוינע, צעכוואַליעטע האָר.
אַ בלימל איר פּנים, אַ יונגינקע ביימל,
מיט ליבשאַפט אַ ליכטיקע פּאָר.

איך זע זי מיט ביכער אין שולע זיך איילן,
נאָר די רו גייט נאָך אירע טריט;
איך זע זי מיט חברטעס פריילעך פאַרווײלן,
אירע פּופּצן יאָר פרייען זיך מיט.

איך זע ווען זי שלאָפט, אַ שטראַל איז איר פּנים,
אַ קנאָספּל, אַט עפנט זיך אויף.
ווי די מאָרגן-זון לויכט איר שמייכל אין חלום:
דאָס קלייבט זי די שטערנדלעך אויף.

איך זע זי כסדר און וויל צו איר ריידן.
פאַר מיר שפּילן מוזיק איז זי גרייט.
ס'דערטראָגט צו מיין שוועל אירע מיידלשע פריידן;
זי איז דריי טויזנט מייל פון מיר ווייט!

ליבע־נעסט

ווי יונגע, צאַרטע ביימלעך,
דין און ליב און שלאַנק,
שעפּט דאָס יונגע פּאָרל
פון ליבע דעם געטראַנק.
טראָט אין טראָט זיי גייען
אין זון געוויקלט ווי אין גאָלד;
ביידנס הערצער זינגען היים:
כ'האָב דיך, כ'האָב דיך האָלט.

די שטילע פליסטערנדיקע רייד,
ווי טראָפּן טוי אויף בלומען,
ווי די שטראַלן מיט דער לופט
פּעסט אַרומגענומען.
יעדעס וואָרט איז בענקשאַפט:
— וועסט אייביק מיינע זיין;
ווען אַרבעט וואָלט געוועזן —
מאַן און ווייב מיר וואָלטן זיין.

צוגעפּרעסט איז באַק צו באַק,
געפלאָכטן זיינען הענט;
חלומט זים דאָס פּאָרל
פון ליכטיקע פיר ווענט
באַהאַנגען מיט די קרוינען
פון ליבשאַפט — דאָס באַציר.
באַפּוצט איז זי פון אים,
באַשטראַלט איז ער פון איר.

אַ קינד פון נויט

פון דלות אַ קינד בין איך.
די נויט האָט געכאָוועט מיך
מיט ברעקלעך געקליבענע,
פון מיר ניט פאַרבליבענע,
פון גורל צעוואָרפענע,
פון ווינטן פאַרשרפעטע —
אַ קינד פון דער נויט.

פון טאַטן די שטרענגקייטן,
פון מאַמען די שיינקייטן,
אַ וואָרט אַ צעוווערטלטער,
אַ קוש אַ געצערטלטער,
אַ גלעט איבער קעפּעלע,
אַ טרער אויפן בעקעלע,
אַ דאַר שטיקל ברויט.

דער ווינטער אַ פאַרצויגענער,
דער הוסט אַ פאַרלעגענער,
די הרובע — אַ הייסער שטיין,
געוואָרעמט אָן זונען־שיין.
האָט געשפּילט מיר אַ לידעלע
דער זיידע אויף זיין פידעלע —
פון זוניקע טעג.

דער פראָסט האָט געמאָלן שיין
די שויבן אין מאָרגן־שיין.
געבענקט נאָך דער גאַס האָב איך,
געחלומט פון גאַנצע שיך,
אין ראָד אין אַ קינדער־שפּיל,
מיט קינדערלעך גיין אין שול —
מיט אַלע זיין גלייך.

מיט קנאה געקוקט האָב איך,
ווי קינדערלעך לויפן גיך
מיט גלאַנציקע שיכעלעך,
האַנט פול מיט ביכעלעך,
די בעקעלעך רויטינקע,
ווי עפּעלעך צייטיקע,
פריילעך אין שפּיל.

געשלונגען די בענקשאַפטן,
געשטויסן די ענגשאַפטן,
האָט די מאַמע געזונגען מיר
פון ברויט, ניט פון הונגערן;
פון סעדער פון פרוכטיקע,
פון הייזער פון ליכטיקע —
ס'וועט זומער באַלד זיין.

שיכעלעד

שיכעלעך נייע מיט שנירלעך פֿאַרצויגן,
גלאַנציקע, שוואַרצע מיט סקריפּ;
אקאָרשט דער שוסטער געבראַכט זיי צוטראָגן —
קיין זאַך איז מיר ניט אַזוי ליב.

די מאַמע דערמאָנט, אַז זיי מוזן זיין גרוימלעך:
זי וואַקסט ווי אויף הייוון די מויד.
דער טאַטע פֿאַרזאָרגט: וואו נעמט מען מזומן?
און איך — אַבי שיכלעך איך האָב.

זיי שטייען צוקאָפּנס, ס'איז ליב מיר דער ריח
דער פרישער פון לעדערנע שיך.
ווי דערלעבט מען דעם מאָרגן אין זוניקע גאַסן,
איך וויל זיי שוין אָנטאָן אויף גיך.

אָט בלייכט שוין אין פענצטער, עס הויבט אָן צו טאָגן,
מיינע שיכעלעך טו איך גלייך אָן,
דער פריילעכער סקריפּ וועקט אויף אַלע קינדער,
און די מאַמע — זי שרייט אויף מיר אָן.

גיי איך צום דרויסן, דער וועלט זיי באַווייזן —
זאָל יעדער מקנא מיך זיין,
נאָר עס פליוכעט אַ רעגן: ווער וויל זיי פאַרנעצן!
כ'וועל בעסער אַ באָרוועסע גיין.

שמחת תורה

אַלעס זינגט היינט: שמחת תורה!
אין די געסלעך, אין די גאַסן,
ליכטיק, פריילעך, אָן שום מורא,
יידן עסן, טרינקען, רעש׳ן.

טאַנצט מיין טאַטע גיך און גיכער,
און אויפגעלייגט איז אויך די מאַמע.
מ׳איז ניט שיכור, אויך ניט ניכטער—
אַלע יידן אין אַ ליאַמע.

קושן קינדערלעך די תורה,
קושט מיין טאַטע אַלע קינדער.
העלער ברענט היינט די מנורה;
און מיר איז היינט דער גרעסטער וואונדער:

וואָס מיין טאַטנס באָרד די רויטע
טאַנצט מיט אים אין ראָד מיט אַלע,
ווייט זיין פּאָלע אַ צעשפּרייטע,
און קושט די תורה ווי אַ כלה.

מיין טאַטע האָט זיין זאָרג פאַרלאָרן.
זאָל דער טאָג זיך אייביק ציען!
אַלץ איז היינט ווי ניי־געבאָרן,
ווי אין פרילינגדיקן בליען.

איך וויקל זיך אין טאַטנס פּאָלע,
ברענט דאָס ליכטל אין מיין עפּל;
מיר איז בעסער היינט פון אַלע,
ווייל מיין טאַטע גלעט מיין קעפּל.

פופצן יאָר

צו סטיווען

אַ ייִנגל מיט גלייכע, שלאַנקע פּיס,
ווי די סטרונעס מיט פרייִדיקע קלאַנגען.
האָט ליכטיקע וועלט פופצן יאָר אים באַגריסט,
זיין קאַיאָר איז היינט העל אויפגעגאַנגען.

ווי אַ יונגער הירש אין וועלדער צעגרינטע,
זיין טראָט פול מיט ווינטן געררויש.
שטייף זיינע מוסקולען, די הויט אַ צעזונטע,
מיט קינדער אין „באָל־גיימס" צעברויזט.

רונדיק זיין וואָרט מיט יינגלשן זיכער,
געדאַנקען ווי קוואַליקער ברונעם.
אין ברען פונם שפּיל, אין ערנסט פון ביכער,
פופצן ליכטיקע זומערס פאַרנומען.

בייט זיך זיין קול, גיט עס חן צו זיין ריידן,
צעשטיפּט זיך אַ לאָק אויף זיין שטערן.
צעשפּאַרן די ווענט מיר די יינגלשע פריידן,
אַ גליק אים צו זען און צו הערן.

און אויף זיין ליפּ יונגער פרילינג שוין וואַקסט,
ווי דער מאָרגן דעם היינט וואָלט באַגריסט.
די בחורשאַפט יאָגט זיך צו אים מיט אַ האַסט,
און ווערט מיט יינגלשן שטיף אויסגעמישט.

בילדער

בילדער צעהאנגען פון קינד און קינדס-קינדער,
די שמייכלען, ווי לאמפן באשיינען די ווענט,
זיי לויכטן צוזאמען, זיי לויכטן באזונדער,
געפרייט און דערפרייט מײנע מאמעשע הענט.

איך קוק אויף די עופה'לעך און קוק אויף די גרויסע,
פון יארן די שפורן, ווי בלומען צעבליט.
געוועזן זיינען יארן ווי קילן ווי הייסע,
און טעג, ווי פון טאנץ גיכע טריט.

א קליין קינד מיטן גאלדענעם קעפל צעשמייכלט:
אט פונקט ווי ס'וואלט נעכטן געווען!
און דאס בילד פון זיין קינד אין רעמל צעלויכטן,
אויף מיינע ווענט זיבן זונען דעריזען.

און אין חופה-קלייד ווייס, ווי צעפלאטערטע טויבן,
פון די ווענט באלד זיי פליען אראפ;
די פנימער פריש, ווי זאפטיקע טרויבן.
איך קוש יעדנס בילד, יעדן גאלדענעם קאפ.

קינדערלעך

קינדערלעך ליבע, איר זייט מיינע שטערן
און די הייסע זון, וואָס איך האָב אַזוי גערן.

איר זייט מיין כוח, מיין מוט און מיין שוואונג,
מיט אייך וועל איך אַלטערהייט בלייבן נאָך יונג.

איר פירט מיך פאָרויס, איר וואָרצלט מיין קיום.
און אפשר פון אייך וועט אַרוים נאָך נביאים!

אין די אוניווערזיטעטן, וואָס איך האָב פאַרפעלט,
זאָלט איר דאָרט דערגיין צו אַ ליכטיקער וועלט.

און ליכט זאָלט איר שפּרייטן מיט פולינקע מאָסן,
צו באַלייכטן פון אומעכט די טויזנט פאַרוואָסן.

אייניקלעך מיינע, קינדערלעך פיר,
אפילו פון וויטן זייט איר דאָ מיט מיר.

אייערע פנימלעך באַלויכטן מיינע טונקעלע שעהן,
איר זייט באַשאַפן מיין טאָג צו דערפרייען.

איר, יונגע צווייגעלעך, און איך, אַלטער שטאָם,
איר זייט דער פלאַקער פון מיין יעטוועדן פלאָם.

די טרעגער פון ליכט צו וויט־וויטע דורות,
איר זייט פון מיין לעבן די זאַפטיקסטע פירות.

ברידערלעך צוויי

שמואליקל און מאַטעלע,
ברידערלעך צוויי.
ווי יונגע, פלינקע האָזן,
שפרינגען, טאַנצן זיי.

מיט פריילעכן געלעכטער,
ווי פון גאָלד דער קלאַנג,
מיט יינגלשן שטיפן,
ווי רויטער זון־אויפגאַנג.

זיי לערנען זיך אין שפילן,
און שפילן שעהן־לאַנג
מיט בעלי־חיימלעך, וואָס קריכן,
מיט גאָלד־פלאַטערלעך אין פאַנג.

אין פרילינג און אין זומער,
מיט וואַלד און ים און שפיל,
פרייד נעמען זיי און גיבן —
די היים מיט גליק איז פול.

וואַקסן זיי וואָס העכער
מיט יעדן ליבן טאָג;
ווילן זיין ווי טאַטע־מאַמע,
אַזאַ ליכטיקער פאַרמאָג.

איין ברודערל פון צווייטן
מיט אַ קאָפּ איז העכער;
פיר פינקלענדיקע אויגן,
ווי ווייַן אין גאָלדענע בעכער.

היינט לויכט די זון נאָך העלער
אויף די קעפּלעך קורץ געשאָרן,
די העמדלעך ריין ווי זילבער
און די הייזלעך ניי געוואָרן.

אַ בוך, אַ העפט, אַ בלייער,
אַ קערבל „לאָנטש" אַ פּולע,
מיט טאַנץ אין גאַנג די ברידערלעך
אַוועק צוריק אין שולע.

די יידישע שול

דער לערער אין מיטן —
די קינדער אַרום.
יעטוועדעס קינד
ווי אין פרילינג אַ בלום.

ווי גאָלדענע זאַנגען
מיט בליאונג פאָרוים —
קינדערלעך היבשע
און ווי אַרבעס די גרוים.

די זון לייכט אויף קעפּלעך
ווייסינקע און שוואַרץ.
די שטראַלן צעגיסן זיך
ביים לערער אין האַרץ.

ער גיט זיי די תורה,
ווי משה פון בארג.
זיי זאפן איין ווי די שוועמלעך
און ס'איז זיי נאך קארג.

שפיל און געזאנג —
די שטימעלעך רייַן,
די שול איז באלויכטן
מיט קינדערישן חן.

דער לערער אין מיטן,
קינדערלעך פיל;
טענץ און געזאנג —
די פרייד איז פארפילט.

די טאטעס און מאמעס,
שלאנקע און יונג;
דאס יידישע ווארט —
פון דורות א פונק.

זיי כאפן די ווערטער
ביים לערער פון מויל;
תורה איז סחורה —
פארמאגסט עס, איז וואויל.

קינדערלעך שטראמען,
די אייביקע פרייד;
זיי זיינען די זאמען
פאר שלום געזייט.

דאַיענאַ

מיידעלע, ווי אַביימעלע שפּראָצט אַרויס,
אַן אוצרל, וואָס לויפט אַרום אין הויז;

איז פול אין יעדן ווינקל, יעדן אָרט,
דרייט איר צינגעלע, ריידן ס׳וויל אַ וואָרט.

איר לשון איז איר אייגנס, ווי איר פּראַכט.
די זון גייט אויף במילא ווען זי לאַכט.

צעזינגט די פרייד אויף מיינע הענט זי האַלטן,
ווי אַרומנעמען דעם לעבן דעם צעשטראַלטן.

איר פלאַפל, ווי אַ לידעלע פון צויבער,
איר גופעלע פון גאָרער וועלט דער זויבער.

איר פּנימל — פון רויזן פרישע פאַרב,
איר מיילעכל — אין מאָרגן־זון אַ קאַרב.

לאָקן הענגען גאָלדענע אין דרימל,
אייגעלעך — די ליכטיקייט פון הימל.

און ווען זי שמייכלט, גיט אַ בלאַנק איר ציינדל,
ווערט די גאַנצע וועלט באַלויכטן פון איר חנדל.

די זיסע פרוכט פון יאָדערדיקן בוים,
דער המשך וואָס צעבליט זיך אין דעם רוים.

קעני

אַ יינגעלע, אַ פולע וועלט מיט פרייד,
הימל־בלויע אייגעלעך, הערעלעך ווי ווייסער זייד;

בלאָנד און ראָז און זוניק העל,
און ווען ער גיט זיך אַ צעקוועל

לאַכן אַלע ווענט. דער באַלקן און דער דאַך,
לאַכט מיט אים זיין פּלאַפּלדיקע שפּראַך.

אין גאַלער ליבשאַפט וויקל איך אים איין —
און ער גיט די וועלט מיר אַ צעשיין.

ווערט גרינג דאָס האַרץ און פריילעך גוט,
ווען אין מיין שוים זיין גאָלדן־קעפּל רוט;

נאָר אים איז ליב צו פויזען אויף אַלע פיר,
ווי זיין הינטל „וויקי” כאַפּט ער אַ שפּאַציר.

וויל יעדן איינעם קריכן אונטער פוס,
און יעדן איינעם גיט ער ליכט און פרייד־גענוס.

גרינע ערד

לאָס אַנדזשעלעס

א שטאָט, אַ מהלך, פון איין עק צום צווייטן,
פון הייסן מדבר ביז קילן פּאַסיפישן ברעג;
זי פאַרלויפט אַלע וועגן, איר אימפּעט פאַרשפּרייטן,
זי רייסט זיך פאָרויס אין איר יונגן געיעג.

די הויכע פּאַלמען, וואָס פּאַכען דעם הימל,
אויף יעדער גאַס לאַנגע רייען קאָנסט זען.
זיי דערציילן ווען אַלץ איז געלעגן אין דרימל,
ווען די שטאָט איז אַ דאָרף נאָך געווען.

לאָס אַנדזשעלעס שפּאַנט איבער בערג, איבער טאָלן,
די מאַראַנצן־ביימער פון וואָרצל מען שניידט.
דער רויך פון פאַבריק און מאַשין ווערט צעקוואָלן,
די גאָלדענע פּרוכט אויף געבוי מען פאַרבייט.

זייט־ביי־זייט פיל קולטורן, אַרכיטעקטור פּאַסאַנען:
פּלאַכע הייזער פון שפּאַנישן אָפּשטאַם און פּוץ,
געביידעס פאַרשפּיצטע, פון פראַנקרייך מתנות,
און בריטישע, רוימישע, און פּאַלאַצן מאָדערנע אַ חוץ.

פאַרהאַוועטע מענטשן אויף אַלערליי שפּראַכן,
דאָס אָנטאָן נאָך יעדנס באַגריף און באַגער:
ווער ס'גייט פאַרפּוצט אין די טייערסטע זאַכן,
און ווער נאָר אין הייזלעך אַ פּאָר.

גלעזערנע קראָמען אויף ברייט־ווייסע גאַסן,
שרייען מיט קויף און פאַרקויף צו דער וועלט;
עס יאָגט זיך דאָס לעבן אין שטראָם מיט די מאַסן,
און די זון איבער אַלעם און אַלעמען קוועלט.

די בערג מיט די גרינע צעוואַקסענע בערד
צעשניידט מען אויף פריש־גרינע פאַסן.
מען חשבונט, מען ציילט און מען ווייסט זייער ווערט,
צעוואַקסן זיך נייע הייזער און גאַסן.

און וואו נאָר אַ גאַס, דאָרט פלאַנצן צעבליען,
און קינדערלעך וואַקסן ווי בלומען.
און מאַשינען, מאַשינען מיליאָנען זיך ציען,
ווייל יעדערער וויל אַהער קומען.

און די שטיבלעך און שטיבער פון גאָר טיפן עלטער,
אין מורא מען זאָל זיי ווי שפּילכלעך צענעמען.
דאָ הענגט דער הימל אַ ווייניק צעהעלטער,
דאָ לאָזט זיך דער אומעט דערקענען.

ווען עס באַהאַלט זיך די זון הינטער פּאַסיפישן ים,
און דער לעצט־רויטער שטראַל שוין פאַרגייט,
פאַרפלייצט ווערט פון לאָמפּן קאָלירפולער שטראָם —
און לאָם אַנדזשעלעס ברענט אין לענג און אין ברייט.

פרילינג

קומט אָן דער פרילינג, קומט אָן דאָס לעבן,
צעגרינטע ערד ווייל אַלדאָס גוטס אונדז געבן.

דאָס מינדסטע גרעזל ביזן העכסטן בוים
דערוואַכן ווי פון שלאָף און ציען זיך צום רוים.

אָט ערשט געווען די צווייגעלעך ליידיק און פאַרגעלט,
ווי ניט קיין אָנגעלייגטע געסט אין פרעמדער וועלט.

קומט אַ נייער ווינטל מיט מילדן, ווייכן ציטער,
ווי מיט כּישוף שמעלצט דעם בייסיקן געוויטער.

און האַרציק לאַכט די זון מיט איר פולן הייסן פּנים,
זי קושט דעם פרילינג און גלעט אויס זיינע סמנים.

מיט מאַמע ליבשאַפט צערטלט זי די בלום,
אין איר צעשטראַלטן בליק ליגט דער גאַנצענער אַרום.

און ווען פולע זאַטע וואָלקנס גיסן אויס דעם רעגן,
די ערד געלאַסן טרינקט און טרינקט צוליב פרילינגס וועגן.

ווערן ביימער אויסגעפּוצט אין גרין און רויט און ווייסן פוך,
און שיקן אין דער לופט אַ מחיהדיקן גערוך.

האָבן פייגל זיך צעזונגען אָט גלאַט אַזוי פאַר פרייד,
ליב איז זיי דער וועלטס צעבלומטע קלייד.

זיי פליען איבער דאַך און איבער קאָפּ פון מענטש
און פליסטערן צו פרילינג אַ געבענטש.

און דער מענטש, קעניג פון דער וועלט,
האָט זיך היינט פאַר נחת צעזונגען און צעקוועלט.

אין מאַי צעהעלטן טאָג, די ערד אין גאָלד און גרין —
מיט האָפענונג ער שפּאַנט, פון שאָטן־וועלט צו זון.

מיין גאָרטן

וואַקסט אַ גרעזעלע, אַביימעלע, אַ בלימעלע,
צעשפּילן זיך קאָלירן וואונדער שיין.
פליט אַ בינעלע, אַ פליגעלע, אַ פלאַטערל
און אַ פייגעלע, איר לידל מלא חן.

איך גיב זיי אַפּ גוט-מאָרגן ווי די קינדערלעך.
אַט שטייט שוין אויף די זון און גיסט איר גאָלד,
זי קושט אויס יעדעס צווייגעלע און בלעטעלע,
ווי איך אַליין טאָן וואָלט עס געוואָלט.

זיי זיינען מיינע אייגענע און ליבינקע,
איך זאָג זיי צו אַ טאָג צעהעלט אַ פּראַכט.
זיי שטייען פאַר מיר זויבערע און פריילעכע—
די בלימעלעך — זיי האָבן זיך צעלאַכט.

מיין גאָרטן איז אַ ליכטיקער, אַ זוניקער;
אייביק אַ צעבליטער זאָל ער שטיין!
זון און רעגן נערן אים מיט פולער מאָס,
אויך אַ טראָפּעלע פאַרזייט פון מיר אַליין.

און ווען אַ פייגעלע צעזינגט אַן אומעט-ניגונדדל—
אפשר וויל עס פאַר מיר אויסגיסן דאָס האַרץ;
נויג איך אָן מיין אויער צו איר לידעלע
און בענטש דעם הימל-בלוי,
וואָס איז היינט ניט פאַרשוואַרצט.

שאָקלען זיך די ביימלעך, ווי אין תפילה-טאָן:
אַלע הימלען זאָלן ליכטיק זיין און ריין;
יעדער ווינטל זאָל פאַריאָגן וואָלקנס פינצטערע,
אַלץ וואָס אָטעמט אויף גאָטס ערד זאָל פריילעך זיין.

צום ים

איך הער אין דיין רוישן געזאַנג און געוויין,
פרייד און געלעכטער, בענקשאַפט און פּיין.

לאַך איך, דאַן לאַכסטו מיט מיר ווי אַ קינד,
די זון אין דיין פּנים גיט זיך אַ צינד.

דיין אומרו זיך גיסט אין מיין אומרו אַריין
מיט נאַכטיקן שאָטן, מיט טאָגיקן שיין.

מיין אויג ווערט ניט זאַט מיט דיין גאָלדענעם גלאַנץ,
מיין געמיט גייט אין שוואונג מיט דיין שטורעם אין טאַנץ.

דו קלאַפּסט אָן דעם ברעג מיט דיין ברויזיקן צאָרן,
נאָר דיין ריטמישער לשון איז מיר היימיש געוואָרן.

צי ברענגסטו מיר גרוסן פון די ימיקע טיפן?
פון מענטשן פאַרטרונקען מיט די ריזיקע שיפן?

צי מאָנסטו ווי איך פון אומרעכט אַ סוף?
צי זינגסטו דאָס ליד פאַר פרידלעכן שלאָף?

אָ, ים, ביסט מיר נאָענט! אין דיר ווער איך פאַרוואַנדלט.
דיין גערויש — מיין געזאַנג, מיין געוויין, מיין געראַנגל.

דער מאַי

דער מאַי האָט די ערד היינט געקושט,
איר אַרומגענומען מיט זוניקע הענט,
אין רויט־גרינעם צווייט אָנגעטאָן,
איר אין ליכטיקע פריידן צעבלענדט.

מאַי, דער מיטן פון פרילינג,
דער סוף פון די בייסיקע ווינטן,
פון פרייהייט דער בליציקער אָנהויב,
פאַר אַ זוניקן לעבן צעגרינטן.

טייכן פליסן ברייט און רוישיק,
אַלע שנייען אָפּגעוואַשן;
וועלדער כאַפּן אָפּ דעם אָטעם,
די זיסע מאַי־לופט נאַשן.

אויף גערטענער שפּראָצן יונגע קנאָספּן,
די גרינע עופּהלעך פון בייטן.
און מענטש פאַרשאַרט האָט זיינע אַרבל
און וויל דעם זומער שפּרייטן.

מענטש זיין מורא האָט פאַרלוירן,
ווי אייז אין זונליכט ווערט צערונען.
דאָס לעבן פריי זאָל זיין ווי מאַי־טאָג,
הכנעה ווערט פון וועלט אַנטרונען.

טראָגט דער פרילינג פרישע ווינטן,
פרישע ריחות, יונגע פלאַנצן;
וואַקסט דער מענטש אין זיין באַוואוסטזיין,
אַז פריד און פרייד מוז וועלט דערגאַנצן.

מיין גאַס

גרויס איז מיין ליבשאַפט צום לעבן,
אינעם שווערן געראַנגל פאַר „זיין".
די שעה וואָס פאַרגייט בלייבט אויך אין מיר לעבן,
און מיין טאָג זיך צעהעלט אין פאַרגיין.

אין רויטן פרימאָרגן מיט דופטיקע טויען,
געבענטשט איז מיין שעה אין שפּאַציר.
פון אויבן די וואָלקנדלעך דורכזיכטיק בלויען,
פון אונטן מיין גאַס מיטן טאָג אין באַריר.

די שכנים באַפּוצן די הייזלעך די פּראָסטע
מיט גרין, מיט געל און מיט ראָז.
קיין פלאַנץ און קיין בלום איז דאָ ניט קיין פאַרלאָזטע,
יעדערער צערטלט זייןביימל, זיין גראָז.

די וואַסערלעך שפּריצן, די גראַבאייזנס גראָבן,
די ווענט פריש-געפאַרבטע אין ווייסן און רויט.
מען צאָלט פאַרן הייזל מיט אַלץ וואָס זיי האָבן;
די היים אַזוי טייער ווי ברויט.

דווקא דערפאַר, ווייל ס'איז ליב מיר דאָס לעבן,
טראָג איך האַס צו די וואָרצלען פון נויט.
די ערד קאָן די שענסטע בלומען אונדז געבן
און קאָן געבן בשפע אונדז ברויט.

איך גיי מיטן טאָג דורך די זוניקע גאַסן,
מיט פרייד, וואָס מיך טראָגן די אייגענע פיס.
צו וואָס גאָר דאָס כאַפּן, יאָגן און ראַשן?
ווער קאָן עס דען עסן ביי מער ווי איין טיש?

רעגן

עס האָט דער רעגן זיך צעזונגען
מיט פאַרוויינדיקע קלאַנגען.
טרייבט די מענטשן פון די גאַסן,
פרישט די בלומען און די זאַנגען.

שוין אויסגעוואַשן אַלע גראָזן,
אַלע פלאַנצן אויף די גערטנער.
רינען טרערן פון דיביימער—
צי פון וויינען, צי פון געלעכטער?

שפּראָצן בלעטלעך ניי-צעגרינטע,
זיי קאָנען גאָרניט טרוקן ווערן,
אָט אַ שפּאָגל נייער רעגן
אויף די שויבן לאָזט זיך הערן,

אַ נאַכט, אַ גאַנצע, טאַנצט אויף דעכער,
עס נעמט אים ניט קיין רו, קיין שלאָף;
דער ווינט, זיין שותף מיט די פעכער,
שמייסט פון דרום און פון צפון.

אָט פרימאָרגן בלויט דער הימל,
קוקט די זון ווי בגניבה,
פון איר גאָלד געזוימטן רעמל
באַגריסט די וועלט, ווי אַ הייסע קרובה.

נאָר די וואָלקנס גיבן זיך אַ שושקע
ארום דער זון פון אַלע זייטן,
פאַרשטעלן איר דאָס ליכטיק פּנים,
טונקלט ווידער פון דער ווייטן.

ווערט דער הימל ווי פֿאַרברוגזט.
איבער קאָפּ און איבער דעכער
באַשיידן פֿאַנגט עס אָן צו שפּריצן —
נאָר באַלד צעטראָגט דער קלאַנג זיך העכער.

שטייען הייזער ריינע, נאַסע,
אויסגעבאָדענע פֿון רעגן;
פֿאַרעקשנט לייכט די זון פֿון וויטן
און טריקנט די פֿאַרנעצטע וועגן.

ווערן בלומען ראָז און רונדיק,
זים די לופֿט אין הייזער, גאַסן,
פֿרוכט און גרינסן אויף די פֿעלדער
טרינקען רעגן, זונען נאַשן.

און אַט צעשפּילט זיך זון מיט רעגן,
פֿאַרבט אין לופֿט אַ רעגנבויגן,
צינדט די וועלט אין פֿרייד־קאָלירן,
ליכט און האָפֿענונג אין אויגן.

בלעטלעך פון די טעג

צעגרינטער פּאַרק ליגט רחבותדיק
היינט אויסגעשפּרייט פאַר מיר,
מיט פרייִלעך גרינעם רוף —
איך זאָל נעמען אַ שפּאַציר.

ניט האַרבסטיק איז די זון היינט
אַ הייסע אויפגעגאַן.
און ווי אַ היים־פאַרליבטער
גייט נאָך מיין יעדן שפּאַן.

נאָר די בלעטלעך גאָלד־געלע און רויטע,
קרעכצן פאַרבענקט אונטער פוס:
זיי דערציילן פון פרילינג צעבליטן
און פון הייסן זומער גענוס.

ווי די טעג מיינע ווייט אויסגעשפּרייטע,
פילע פאַרגעסן, פאַרגאַנגען;
און פילע נאָך פריש אין זכרון,
ווי רייפע, ווי גאָלדענע זאַנגען.

טעג ווי צעטראָטענע בליטן
און טעג ווי די ליבינקע קינדער.
איך זע זיי היינט אַלע, זיי גייען מיר נאָך,
זייריידן פון אַלטן בייז־וואונדער.

ווען געפירט האָבן זיי מיך אויף ברויזיקן ים
צו וועלטן צו ברייטע, פון שטעטל;
די וועגן מיט טרערן און בענקשאַפט געזייט,
געוועזן דאָס האַרץ, ווי אין ווינט דאָ אַ בלעטל.

טעג ניט פאַרצייכנט אויף ווייסן פּאַפּיר,
טעג ווי פון קוואַלן די טראָפּנס.
אין יעטווידן טראָפּן אַ בליץ פון דער זון,
וואָס ליכטיקן ווילן די שאָטנס.

קלייב איך די טעג היינט, ווי בלעטלעך פון גאַס,
פון לעבן צעוואָרפן אויף וועגן.
איך פלעכט זיי ווי בלומען אין קאָלירפולן קראַנץ,
און גיי דעם טאָג דעם באַנייטן אַנטקעגן.

האַרבסטיק

ביי מיין פענצטער דער בוים ווערט וואָס הוילער פון טאָג,
און גרויער דער שטאָם און די צווייגן;
גיבן שנעל זיך די בלעטלעך די לעצטע אַ יאָג —
מיר דוכט זיך, זיי ריידן און שווייגן.

זיי טאַנצן אין לופטן, זיי שפּילן אין שטאַרבן,
דער ווינט, אַ דערפרייטער, פייפט ביי מיין טיר.
יעדן טאָג ווערן בונטער די גאָלד-רויטע פאַרבן
מיט ניי-קאַלטער לופט אין באַריר.

גיבן האַרבסטיקע טענער זיך פלאַמיק אַ פיר
איבער טונקעלע נאַס-גרויע וועגן;
ווערט דער טאָג אַזאַ נאָענטער, אייגענער מיר —
מיר טוישן זיך מיט אונדזער פאַרמעגן:

איך נעם זיינע פאַרבן, דעם פרישן גערוך,
דער הימל וואָס בלויט נאָכן רעגן;
און גיב אים מיין טראָט, מיין אויג וועלכע זוכט
דעם פרילינג אויף האַרבסטיקע וועגן.

יאָסעמיטי

פון רעגנבויגן־קאָלירן — די בערג און די טאָלן,
די ערד האָט אירע פלאַנצן צעזונגען אין כאָר;
קיין שום קינסטלערס פאַרב וועט ניט ערלעך באַמאָלן
דעם לויטערן חלום, די פאַרכישופטע וואָר.

אין די זילבערנע טייכן — צויבער־שפּיגלען צעהאַנגען,
דאָרט באָדן זיך ביימער אין פּילפאַרביקן גרין,
עס מורמלען אוים בלעטער די טיפסטע פאַרלאַנגען,
די באַרואיקטע שטילקייט איז דורכזיכטיק דין.

ווער האָט דעם גראַניט־ווייסן שטיין אויסגעהאַקט?
און ריזיקע ווענט דאָ צעשטעלט!
אַזש דעם גאָלד־בלויען הימל אונטערגעשפּאַרט,
און נאַטור האָט זיך לוסטיק און פריילעך צעקוועלט.

נאָך קיינמאָל אַזאַ ליכטיקן טאָל ניט געזען!
און אַרויפצו, די בערג זיך וויקלען אין זון.
פּאַלאַצן, די הויכע ווייס־גלאַטע ווענט;
ביימער, די וועכטער, באַפּוצטע אין רויטן און גרין.

און די טויזנטער פוסיקע וואַסערפאַלן,
זיי שטיפן און רוישן טאָג אַזוי נאַכט,
ווי אַ כלהס צעפלאַטערטע ווייסע וואואַלן
הענגען אין לופטן, באַווייזן דעם הימל די זויבערע פּראַכט.

די ריזיקע קוואַלן, זיי סטראַשען און יאָגן.
די זילבערנע שטראָמען דערפרייען די וועלט.
ניט איך ווייס וויפיל יאָרן אין זיך זיי פאַרמאָגן —
נאָר איך בענטש אָט־דעם כוח, וואָס האָט זיי צעהעלט.

עס זינגען די ביימער, עס זינגען די פייגל,
זייער ליד, ווי דער זומער, פאַרבענקט איז און פריי.
בענקט זיך אַזוי מיר נאָך אייגענע פליגל —
זיך דערהויבן און זינגען פון ליכט און פון ניי.

אויף וועגן און וועגלעך די הירשן און בערן
מיט שטומען פאַרדאַכט זיי קוקן זיך אום,
...זאָל זיין, אַז דער מענטש האָט דעם וואַלד אַזוי גערן?
באַלד שוין פאַרנומען דעם גאַנצן אַרום!

און זיי שיקן אַ בער מיך אין ביידל באַגריסן,
צעטראָגט זיך מיין ציטער אין באַרגיקן ווינט;
נאָר געוואָלט האָט ער בלויז מיינע שפּייזן געניסן —
דערשרעקט זיך דער בער פאַר מיין שרעק און פאַרשווינדט.

און דאָס טייכל זיך חנדלט מיט פרישקייט מיט קילן,
עס שלענגלט זיך מונטער אין לענג פונעם טאָל;
די גרויסע מיט קינדערלעך פליושקען זיך, שפּילן —
כ׳וועל אויך ווי אַ קינד און שפּיל ווי אַמאָל.

זוך דעם רעגנבויגן

דער שטורעם רייסט די ברעגן,
איך הער דעם ווינט־געוויין.
אויף גרויע שווערע נעפּל־וועגן
מענטש זעט זיך ניט אַליין.

דער הימל שוואַרץ־פאַרצויגן,
איך ציל מיין בליק אַרויף:
קאָן זיין אַ רעגנבויגן
וועט דאָך קומען סוף־כל־סוף!

אויף וועגן גלייכע, קרומע,
צעהוליעט פייפט דער ווינט.
ווער מיט תפילות פרומע,
און ווער עס שפּאַנט מיט זינד.

אָפּט הער איך ציינער קריצן
פון וויטיק צי פון קעלט;
נאָר ווען פייער־פלאַם נעמט שפּריצן,
דאַן טרייסלט אויף די וועלט.

אין פראָסט פאַרהילטע וועגן
מענטש וואַקלט זיך אין ווינט;
וויל ווער וועמען עפּעס פרעגן,
דער שפּאַנט פאַרביי געשווינט.

רייב איך אויס די אויגן,
מיט שווערע טריט איך שפּאַן.
איך זוך דעם רעגנבויגן —
ער איז דאָך וואו פאַראַן!

פרימאָרגן

פרימאָרגן קומט אַ העל דערפרייטער,
נאָך אַ מידער, וואַכער נאַכט,
וואו בענקשאַפט ווייסט קיין גרעניץ,
וואו יעדער חוש פון ווײ דערוואַכט.

אָ, ווי ליב איך האָב דעם מאָרגן
אויסגעצירט אין גרין און גאָלד!
ליגט די נאַכט שוין אַ באַזיגטע
און אַלעם שמייכלט: כ׳האָב דיך האָלט.

האָט פרימאָרגן זיך צעזונגען
און רופט מיך פון דער שטוב אַרויס;
שיקט דער הימל זיינע ברכות
און קושט פון ערד די שיינקייט אויס.

ליכט פאַרשלונגען האָט דעם שאָטן,
וואַרעמט זיך אין האַרץ אַ ליד;
אַ טאָג אַזאַ זויגט אויס דעם אומעט
און לאַכט זיך אויס פון שווער־געמיט.

דער ים גיט מיר שטורעם, אי רו

עס הויכט פון דיין אָטעם מיט רחבות פון וועלטן,
פון די פילערליי טייכן וואָס פליסן צו דיר.
טראָגסט זוניקע כוואַליעס און ווינטיקע קעלטן,
דו שימערסט מיט גאָלד און מיט זילבער קאָליר.

ריזיקע שיפן טראָגסטו לייכט אויף דיין רוקן,
צו לעבן און פרייד, צו טויט און צו שרעק,
דיינע ליכטיקע אויגן צו די הימלען פאַרקוקן,
דו שווימסט צו די ברייטע האָריזאָנטן אַוועק.

נאָר מיין אויג קאָן דיך זען ביזן ראַנד פונעם הימל,
וואו ביידע ווי איינס איר גיסט זיך צונויף;
ווייט פון צעכוואַליעטן מענטשלעכן טומל,
ווייט פון צעיאָגטן מאַשינען־געלויף.

און דאָ רייסטו דעם ברעג און וועקסט פונעם דרימל
די זאַמדן אין זונען פאַרוויגטע.
אָט שוימסטו מיט צאָרן, אָט בלויסטו ווי הימל,
אָט שיקסטו גאָר כוואַליעס צעגרינטע.

און מענטשן דערהיצטע פון אימפעט און רעש
אין דיין שטורעמען געפינען זיי רו;
מען יאָגט צו דיין שוים פון זודיקער גאַס,
דיין אָטעם מיט פרייד נעמט מען צו.

קילסטו מיין גוף, מיין נשמה דערוואַרעמסט,
דו לערנסט מיך שטאַרק זיין ווי דו.
דיין פולס אין מיר קלאַפּט ווען דו ליאַרעמסט,
דו גיסט מיר אי שטורעם, אי רו.

דער ים איז היינט רואיק

דו האָסט מיך צאַרט אַרומגענומען —
גאַרניט נאָך דיין טבע.
איך בענק נאָך דיין צעשוימטן ברומען,
נאָך דיין צעברויזטן רעווען.

נאָר דו ביסט היינט אַזוי געלאַסן,
דיין פּנים רואיק, מילד;
צי ווילסטו פון מיר שפּאַסן?
צי ווילסטו מער ניט רוישן ווילד?

אָ, גיב אַ ברויז, צעזינג דיין ניגון
פון דיין לאַנגן שטורעם־וועג!
פון דיין שטורעמען וועל איך קריגן
רו אין מיינע טעג.

אָבער אַרט מיך ניט דיין שטיל זיין,
ווייל עס לעבט אין מיר נאָך דיין גערויש;
נאָר ווען איך וועל פון דיר אַוועקגיין —
ווייס — מיין האַרץ האָט דאָ געברויזט.

איז גוט

איז גוט מיר אַוועקגיין פון רוישיקער שטאָט,
פון לויף און רויכיקע מאַשינען,
צו ברייטע וועגן, בערג און טאָלן,
וואו שיינע, נייע וועלטן זיך צעגרינען.

איז גוט וואָס פריילעך שפּילט דאָ קלאָרער טייכל
מיט גאָלד, פון זון באַשפּרינקלט;
וואָס דורך די שאָטנדיקע בלעטער
אַ זילבער-ליכט צעפינקלט.

וואָס בלומען בליען אַרום טייכל
און קאָלירנדיק זיך סוד'ען;
און וואָס מיר אין רויטן שיפּעלע
זיך אויפן וואַסער הוידען.

איז גוט וואָס נאָדל-ביימער טרוימען
און ביזן הימל גרייכן;
וואָס די פיל צעגרינטע פאַרבן
מיינע טעג קאָנען באַרייכן.

וואָס רויטער פלאַם הינטער באַרג
אין האַרצן ליבשאַפט צינדט;
וואָס דו ווילסט מיט זיך די שיינקייט נעמען,
וואָס מענטש דאָ זיך געפינט.

פאַרבענקטער וואַלד אין רו און ציטער,
שפּינט בלערליי חלומות,
די אַלטע מורמלנדיקע ביימער,
ווי אַלט-דורותדיקע שמות.

פילע מעשיות זיי דערציילן
פון גרינער פרייד און שטורעמדיקע טעג,
פון מענטש וואָס קומט דעם וואַלד באַזינגען,
און מענטש וואָס קומט מיט האַק און זעג.

יעדער בוים געוואַקסן איז פאַרשידן,
און יעדער מיט זיין אייגנאַרטיק גלאַנץ,
ווי שכנים פריידלעכע זיך מיען:
זאָל דער אָרום מיט שיינקייט זיין פאַרגאַנצט.

צעטראָגט דער וואַלד די זיס געווירצטע ריחות,
ווי בשמים פאַרגאָסענע מיט וויין.
גרין און בלוי און גאָלדענע געוועבן
זינגען אוים אַ ליבע-געזאַנג צום זיין.

קאַליפאָרניער בערג

בערג, די גיבורים,
די היטער פון טאָלן —
ווער האָט אייך דערהויבן ?
ווער האָט אייך צעקוואָלן ?
ווערט געשטאַרקט אייער לייב
פון ווילדן געוויטער?
צי פון גליאיקע שטראַלן,
אָדער פראָסטיקן ציטער?

מיט שנייען באַדעקט,
ווי די זילבערנע קרוינען
אויף גרוי־ווייסע קעפ
פון באַיאָרנטע זקנים.
ווען פון ערדישן בויך
האָבן שטורעמס געשטויסן,
זייט איר יענע קינדער
פון פלאַמיקן ברויזן ?

צי נאָגט אייך אַן אומעט
אַליין אין די הויכן ?
אָדער האַלט איר זיך גרויס
אַזוי הויך צו דערגרייכן ?
איר שטייט אַזוי פעסט,
ווי געשלאָסן אין קייטן,
כדי די אייביקע צייט
אויף אייער רוקן זאָל רייטן.

און מענטש אין די טאָלן
פאַרהויבט זיינע אויגן
און גאַפט אויפן וואונדער
אין די רוימען פאַרצויגן.
ער פליט איבער אייך
און נאָך העכער, צום הימל,
אָדער זיצט אין אייער שאָטן
און חלומט אין דרימל.

ע ל ס י נ אָ ר

די שטילקייט צערטלט דאָ די לופט,
די רו דערוועקט די פרייד פון זיין;
שפּאַצירן — עלסינאָר מיך רופט:
נים פאָרן, ניט יאָגן, נאָר פּשוט גיין.

דאָס מילדע ווינטל לייטערט דעם געמיט,
די הייסע זון די מידקייטן זויגט אויס.
טאַנצנדיק דאָ גייען מיינע טריט
מיט שיינעם טאָג פאַראויס.

עלסינאָר, ווי אַ ליבע, טרייע מאַמע,
ווילסטו לינדערן איעדנס וויי.
האָט ווער דיין מוטער־בליק פאַרשטאַנען;
דיר פּאַסט דער נאָמען פון אַ פרוי.

געקליידט אין גרינע, ווייכע וואַלדן,
געזוימט מיט רויט און ראָז און גאָלד,
מיט דיינע רייכע מינעראַלן
יעדן היילן האָסטו געוואָלט.

די הויכע בערג און בערגלעך קרומע,
ווי זיי וואָלטן דיך פון בייז פאַרשטעלט;
דיין הימל־בלוי קושט אוים דעם אומעט,
דיין רו דערמאָנט אָן שלום וועלט.

הויכט דיין אָטעם פריש און וואַרעם,
פילפאַרביק ביסט ווי בלומען־קראַנץ.
איך ליג אין דיינע מאַמע־אָרעמס —
דו ווינטלסט זיך מיט מיר אין טאַנץ.

און טוסטו אָן דיין טונקל־קלייד,
געהעפט מיט דימענט און בריליאַנט;
לבנה דיך מיט גאָלד באַגלייט,
דו גיסט דיין פראַכט מיט פולער האַנט.

פאַר בושה צי פאַר פרייד

געזען האָב איך אַ זון־פאַרגאַנג,
ווי גינגאָלד אויסגעשפּרייט;
דאָס ליכטיק־בלויע הימל־קלייד
געזוימט מיט געל און רויט.

געזען האָב איך אַ פייער־קנויל
זיך זעצן אינעם ים
מיט שיפּעלעך בריליאַנטענע,
וואָס שווימען איבער אים.

און געזען האָב איך אַ קאָלירן־שפּיל,
געוועב פון ראָז און גרין,
ווייסער פוך און רויטער זייד,
ווי פון ליבע דער באַגין.

קלער איך — אפשר פליגלט דאָרט
אַ פרייהייט־וועלט פּאַרטיי?
ווייל דער וואונדער־שיינער האָריזאָנט
רופט יעדן לעבן פריי.

פרעג איך: הימל, ביסטו רויט
פאַר בושה, צי פאַר פרייד?
ווייל רויט איז גאָר אַ זידל־וואָרט
אויף אונדזער ערד פאַרשפּרייט.

ווערט הימלס פּנים ליכטיקער,
פריילעך לאַכט און לאַכט;
פון ליבע בליען פריידן אויף
און האָס פאַרגייט מיט נאַכט.

ביימער אין גריפיט פּאַרק

אַ ים מיט ביימער, גרינע, פרישע בלעטער.
ס'איז ווינטער אויפן קאַלענדאַר און זומערדיק דער וועטער.

אויך ביימער נאַקעטע, טרוקענע, ווי ריטער,
ווי פאַרבלאָנדזשעטע פון שנייאיקן געוויטער.

און ביימער גרייזע, מיט שווערע דיקע גופן,
פון פילע שטורעם-רעגנס זיי וואָרצלען זיך און טיפן.

דורות-לאַנג זיך געפּעסטיקט אינעם באָדן,
ווי מענטש פון אַלטן שטאַם מיט פרייד און לייד און שאָדן.

און ביימלעך יונגע, צאַרטע, ווי די קינדערלעך צעבלומטע;
און ביימער אַלטע, שטאָלצע, שווער-בייכיקע, צעקרימטע.

ריזיק-הויכע ביימער, די וואָלקנס שיעור דערגרייכן,
מיט זייער גרינער פרייד דעם הימל-בלוי באַרייכן.

יעדער בוים טראָגט זיין אייגענעם געשטאַלט,
נאָר צוזאַמען זיי באַשאַפן צויבער-שיינקייטן אין וואַלד.

אַ בוים אין ראָזע קווייטן, ווי אין יום-טוב אָנגעטאָן,
טרייסט די ביימער נאַקעטע, אַז באַלד וועט קומען זייער זמן.

אַז פרילינג ברענגען וועט פיל-קאָלירנדיקע בלומען,
און אָנטאָן יעדן פלאַנץ די קרוין געשליפט פון זיבן זונען.

זון־אויפגאַנג

דער טאָג ווערט געבוירן
אין רויטן, ווי אין בלוט.
וועקט ער באַלד אויף דעם מענטשן
צו זען וואָס ער טוט.

פון שוואַרצן ווערט גרוי,
פון גרוי — רויט און ווייס;
דערפרייט זיך די זון,
וואָס די נאַכט זי צערייסט.

זי צינדט אָן דעם ראַנד
פונעם הימל צוערשט.
צערויטלען זיך בערג,
ווערט ראָזעוו די ערד.

הויבט אָן זיך צו רירן:
אַט שטילער, אַט שטאַרקער;
שיילט אוים זיך אַ טאָג
אַ האַרטער, אַ צאַרטער.

זומער־טעג

איך קלייב צונויף די זומער־טעג,
די פֿאַרנאַכטן רויט, ווי צונטער;
מיך רופֿט דער גרין־צעהעלטער וועג
און די וואַלד־קאָלירן בונטע.

מיר דוכט, איך טאַנץ מיט בוים און בלום,
מיט לייכטע טריט אויף גראָזן;
מיט ליבשאַפֿט וואַרעמט מיך די זון,
ווי איך וואָלט דעם שאָפֿ פֿאַרלאָזן.

איז גרינג מיין האַרץ פֿון זומער גלאַנץ;
כ'זע אַ וועלט אַ ברייט־דערוואַכטע,
נאָר אָט שרייט דער באָס: דעם שאָפּ פֿאַרלאָז!
דאָ זיצט מען ניט פֿאַרטראַכטע . . .

די טיר צעעפֿנט זיך פֿאַר מיר,
צום גרינעם וועג צום פֿרייען,
נאָר דער זומער־טאָג מאַכט שפּאַס פֿון מיר,
ווייל איך זוך אַ שאָפּ אַ נייעם.

בלום און רעגן

רויזן־קוסטן, פון ווינט געבויגן,
פון זונשטראַלן געקושט, געגלעט.
קנאָספּן יונגינקע זיך נויגן
צו וועלט מיט תפילה און געבעט:

מענטש באַגיסן זאָל די בלעטלעך
און רייניקן די ערד אַרום.
אַפּטמאָל קומט די זון אויך שפּעטלעך,
ווען ס׳וויל צעוויקלען זיך די בלום.

הענגען קנאָספּלעך טריב־פאַרבענקטע,
ווי פאַרליבטע נאָך אַ קוש.
האַלב־פאַרטריקנט, האַלב־פאַרוויינטע,
ביז ס׳גיט אַ רעגן זיך אַ גאָס.

דאַן טרינקען אָן זיך אַלע קוסטן,
אַלע פלאַנצן, יעדעס גראָז;
די רויזן שיקן ליבע־גרוסן —
גרינע, רויטע, געל און ראָז.

מיט נצחון צו דעם מענטשן
קוקן זיי און שמייכלען זיס:
דעם שיינעם רעגן מירן בענטשן,
נאָר מאָרגן — ניט פאַרגעס: באַגיס!

די ערד

די ערד, ווי אַ מאַמע,
לעבן זי גיט.
צעגרינט איז איר שוים,
רייך איז איר צוויט.
פעלדער זיך בעטן:
קום, אַקער און זיי,
אין פריידן וועט אויפגיין
אי קאָרן, אי היי.

פאַר מענטש און פאַר חיה,
פאַר יעדן זיין שפּייז;
מילך פולע אייטערס,
ווייצן און רייז.
די ערד, ווי אַ מאַמע,
וויל געבן אָן אַ שיעור.
יעדערנס אָנהאַלט
געוועגדט זיך אָן איר.

אירע ברוסטן מיט גוטס
און מיט זיסקייטן פול,
פאַר יעדן בשפע —
איר אַרט ניט די צאָל.
קיין זאַך ניט צו טייער,
קיין זאַך ניט צו שווער,
קיין צופיל, קיין שלעכטע,
עס זיינען קינדער, ניט מער.

זי גיט בלוט צו די בלאַסע,
צו שוואַכע — איר קראַפט;
אויגן צעהעלן—
ווער ס'טרינקט פון איר זאַפט.
וואו נעמט זיך איר כוח,
איר שיינקייט, איר גלאַנץ,
זי נעמט צו אונדזער אָפּפאַל
און גיט בלומען אַ קראַנץ.

זי נעמט אַלץ, וואָס אונדז
איז שוין נוצלעך ניט מער,
און גיט צוריק אירע אוצרות
פאַר יעדנס באַגער.
זי נעמט צו די טויטע,
דעם טרויער פון טעג;
און צוריק גיט זי לעבן—
דאָס גרעסטע פאַרמעג.

אין באַגינען

די זון אַ בלוט־יוגנט, די נאַכט וויל פאַרוויגן,
שפּראַצט אויף און באַלויכט גלייך די וועלט.
די גאַסן אין ויידענער שטילקייט נאָך ליגן,
בלויז די שפּיצן פון דעכער מיט רויטן באַהעלט.

מזרח פון מערב ליגט ווייט,
איז דער ים נאָך אין גרויען פאַרהילט.
נאָר פון מזרח דערטראָגט יענע פרייד,
וואָס יעדער אין זונליכט דערפילט.

דער ים ווערט צעבלויט צוגלייך מיטן הימל,
נאָר העט־ווייט שלאָפט נאָך אַלץ דער באַגינען.
דאָ רייסן די כוואַליעס צום ברעג זיך מיט טומל,
ווי דער ים וואָלט דאָ געגנער געפינען.

זאָל זיין, אַז דעם מענטשן אויפן ברעג וויל ער זאָגן:
פון מיר זאָלסטו גיכער ניט שפּרייזן!
ער זעט ווי דער מענטש וויל אַלץ איבעריאָגן
דעם באַגינען פון וואונדער באַווייזן.

נעם און גיב

דאָס ווינטל קושט מײַן פּנים אוים
און צערטלעך גלעט מײַן לײַב:
אָט טוליעט זיך דער ים צו מיר,
אָט גיט ער מיך אַ טרײַב.

ער וויקלט מיך אין סאַמעט אײַן,
ער וויל זיך מיט מיר שפּילן,
רווישיק נעמט ער מיך אַרום —
זײַן קראַפט איך זאָל דערפילן.

טאַנץ איך מיט די כוואַליעס,
טאַנצט דער ווינט מיט מײַנע האָר;
דער ים בויט מיר אַ טורעם אוים,
באַלד ווערט ער נעלם גאָר.

מיט הייסן אָטעם רופט די זון
און וועקט אין מיר באַגער.
מיט ליבשאַפטן מײַן טאָג צינדט אָן —
אַ טאָג אָן צאָם, אָן שטער.

אַ באַרוישטע צווישן כוואַליעס,
מײַן גוף ווי פעדער גרינג.
ווי פון קייט זיך אָפּגעריסן —
מיר דוכט — איך הער דעם קלינג.

פרײַ ווי דער ים וויל איך ווערן
און נעמען פון אַלץ וואָס כ'האָב ליב;
דער בלויער הימל שמייכלט צו
און זאָגט מיר: נעם און גיב!

מיין שכן

אין ענגער שטאָט, אין דומפּן שאַפ,
אין רויש פון די מאַשינען,
שטעפּט ער אוים זיין חלום
פון גערטענער וואָס גרינען.

פון פייגל-נעסט, פון פריי געזאַנג,
פון בייטן-בלומען רויטע;
פון טעג מיט זון באַגילדטע
אויף פרייע וועגן ברייטע.

***

זיינע העלע פרייע אָפּרו-טעג
טיילט ער מיט זיין גאָרטן:
ער גראָבט און שניידט, יעט און זייט
פלאַנצן, פילע סאָרטן.

זיין הויף, ווי גרינער סאַמעט,
אין זון-ליכט תמיד פינקלט,
אין די לויטערע פאַרטאָגן
מיט פערל-טוי באַשפּרינקלט.

געניט זיינע פאַרברוינטע הענט
מיט שער און שנייד-מאַשינען;
דיביימלעך גלאַנציק, פריש און רונד,
א יאָר אַ קיילעכדיקן גרינען.

די בייטן, פול-צעבלומטע פרייד,
ווי קינדערשער געלעכטער;
די בלימעלעך, קאָלירטער זייד,
באַדאַנקען זייער וועכטער.

זיין ליבשאַפט וואַקסט מיט יעדן פלאַנץ;
פון בוים און בלום צופרידן.
די פאַרבייגייער — פאַרחידושט:
„מען זעט עס ניט ביי יידן!"

קלינגט אַף מיין שכנס קרעפטיק קול,
און היימיש איז זיין יידיש:
„דער ייד קאָן פלאַנצן ווייגערטענער —
ניט בלויז מאַכן קידוש!"

נייער פרילינג

דעם נייעם פרילינג היינט באַגעגנט
מיט נייעם האָפן, מיט אַלטע וואונטשן.
קומען זון-שטראַלן אַנטקעגן
און וואַרעמען די יונגע ווינטן.

ביימער קלייבן זיך צו בליען.
לעבן שפּראָצט אין וועלט אַריין.
אַלעם וויל צו זון זיך ציען,
אַלץ וואָס ווערט געבוירן, וויל דאָ זיין.

די ערד זאָגט-צו זיך צו פאַרנעמען
אין שוואַנגערשאַפט, מיט ברויט און בלומען.
און מענטש פאַנגט אָן זיין רעכט דערקענען
מיט אָנזאָג: פרילינג-וועלט מוז קומען!

דער היי-יאָר טראָט פון ערשטן מאַי
אין אַלע עקן וועלטן שאַלט.
דער רוף צו שלום, צו לעבן פריי,
זיך רייסט פון אַטאָם-צייט מיט גוואַלד!

אינהאַלט

גערעבן

וואַקסן מיט קלוגער וועלט

צוגלייך — 7
ליבע — 8
מיין ליד — 10
אַ גורל פון אַ בוך — 11
אַלטע פריינט — 13
איך וויל אויסזינגען — 14
פופצן יאָר — 15
צו שלום עליכמען — 19
מאַמע־לשון — 21
דאָס בוך — 23
ליכט און שאָטן — 24
פולע טעג — 26
ווערטער — 27
איך וואָלט — 28
געזאַנג פון די טעג — 29
דריי זין — 30
אַ ליכטיקער גרוס — 31
אַ פערטל יאָרהונדערט — 32
פּאָר געזונט — 34
אַ טרער — 35
טעותן — 36
אַ פּאַרלעגענע טרער — 37
געמיינט — 38
דער צוקונפטיקער מאָרגען — 39
זעכציק יאָר — 41
דערוואַרטונג — 42
ווידערקול — 43
געוואָגטע טריט — 44
דער צושטייער — 45
צוויי דעמבעס — 46
קוקסט פון דרויסן אריין — 47
שלאָפלאָזע נאַכט — 48
זכרונות — 49
באַברויסק — 50
מיין טאַטע — 53
גאָט פון אַברהם — 55
זין מיינע צוויי — 56
פשטות — 58

געראַנגל

הענט — 60
מיינע שוועסטער — 62
נייַנצן פינף און פופציק — 63
דיין מוטיקער טראָט — 64
מאַמע — 65
אַ היים — 66
די מאַמע שוויַגט — 69
דאָ בין איך איבערגעבוירן — 71
אין פאַרמעסט מיטן לעבן — 73
פאַרשווייַג איך — 74
לייד און פרייד — 75
עמעט לואיס טיל — 77
עטל און דזשוליוס — 78
דער פרייטיק פון טרויער — 80
סטרייק — 81
מיר אַמעריקאַנער — 82
קאַלטע מלחמה — 84
רעשטלעך סם — 85
יענע פינצטערע נאַכט — 86
די פען און די שווערד — 87
קידנעפּ קללה — 88
געזען — 89
דער בויער — 91
ער וועט — 92
מענטש בייט די וועלט — 93
צום פעסימיסט — 94
די ליכטיקע שעה — 96
פרימאָרגן אין באָס — 97
דער אָרעמאַן — 98
דער נפש — 99

מאַשינען 100
דער מענטש איז פאַרזאָרגט 101
צייט 102
צען יאָר ישראל 103
שלום 104
אַ שרפה אין אַ קינדער־שול 106
מענטש 107

ביים ראַנד פון לעבן

זי ווערט נעלם 110
כל זמן... 111
אַ שעה אַזאַ 112
מאָרגן איז שפּעט 113
יאָ און ניין 114
ער רוט אין פּילפּאַכיקע
פאַרבן 115
צו אַ קראַנקן פריינט 116
אין שפּיטאָל 117
איך זע דעם ים פון
מיין בעטל 119
די ירושה 120
דערהאַלונג 121
מענטש אין זיין אייביקן סוף 122
פאַרשטילט איר געזאַנג 123
איך שפּאַציר היינט
אויף דאָס ניי 124
זיך געקושט מיטן ים 125
איך פאָר אַהיים פון שפּיטאָל 126
זיין מוטיק־דרייסטער גאַנג 127

יונגע יאָרן

יוגנט 130
לינדאַ 131
ליבע־נעסט 132
אַ קינד פון נויט 133
שיכעלעך 135
שמחת תורה 136
פופצן יאָר 137
בילדער 138
קינדערלעך 139
ברידערלעך צוויי 140
די יידישע שול 141
דאַיענע 143
קעני 144

גרינע ערד

לאָס אַנדזשעלעס 146
פרילינג 148
מיין גאָרטן 149
צום ים 150
דער מאַי 151
מיין גאַס 152
רעגן 153
בלעטלעך פון די טעג 155
האָרבסטיק 156
יאָסעמיטי 157
זוך דעם רעגנבויגן 159
פרימאָרגן 160
דער ים גיט מיר
אי שטורעם אי רו 161
דער ים איז היינט רואיק 162
איז גוט 163
קאַליפאָרניער בערג 165
עלסינאָר 166
פאַר בושה צי פאַר פרייד 168
ביימער אין גריפיט פּאַרק 169
זון־אויפגאַנג 170
זומער־טעג 171
בלום און רעגן 172
די ערד 173
אין באַגינען 175
נעם און גיב 176
מיין שכן 177
נייער פרילינג 178